STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09688

DER MORGN IZ EYBIK

Yosl Cohen

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org


NOTA
KOSLOWSKY

יאָסל קאָהן:

דער מאָרגן איז אייביק

▼

אַרויסגעגעבן פון
אַ גרופּע טרייד־יוניאָן פירער, שרייבער
און כלל־טוער

דורכן פאַרלאַג „פּעדער"
ניו־יאָרק
1948

THE MORROW IS ETERNAL

Copyright, 1948, *by*
YOSL COHEN

2950 OCEAN AVENUE
BROOKLYN 29, N. Y.

Printed in U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

מיין דאַנק:

יוסף ברעסלאַוו, סאַשאַ זימערמאַן, לואיס האַלענדער און י. י. העלער — פאַר זייער הילף אין אַרויסגעבן דעם בוך.

און ספּעציעל די חברים מאיר קראַוויץ און לואיס ראָזענטאַל — פאַר מעגלעך מאַכן די פּראַקטישע דורכפירונג פון דער אַרבעט.

באַזונדער — דעם חבר אהרן קאַרלין, פאַר העלפן אין דער טעכנישער אַרבעט, און דעם אַרטיסט נאָטע קאָזלאָווסקי — פאַר זיינע פיינע צייכנונגען.



אַ מעשה ווערט דערציילט

(מיין מאַמען — לזכרון)

א

נישט פון אַ בת מלכה ווערט דאָ דערציילט,
וואָס האָט פאַר אַ באַשערטן זיך אַ בן מלך אויסגעוויילט,
וואָס איז צו איר געקומען צורייטן אויף אַ ווייסן פערד
מיט פורפור, מיט זיידנס — און בריליאַנטן אין גאָלדענעם שווערד.

די מעשה, די מעשה, וואָס ווערט דאָ דערציילט
איז פון אַ אידישער טאָכטער — און פון אידישע רייד,
מיט וועלכע זי פלעגט גאָט בעטן מיט אַ צוגעדעקטן געזיכט
יעדן ערב שבת, ווען זי פלעגט בענטשן ליכט.

יעדן ערב שבת, ווען די זון פלעגט פאַרגיין,
פלעגט מיט פרומקייט און בטחון צו גאָט אַ תפלה דערגיין:
„רבונו של עולם, פאַרנעם מיין תפלה אַצינד,
ווי די ליכט, זאָל לייכטן דאָס מזל פון מיין הויזגעזינד.

אַזוי ווי די ליכט זאָגן דעם אָנקומען פון שבת אָן,
אַזוי זאָלסטו דיין חסד פון אונדז נישט אָפּטאָן.
פאַרהיט און באַשיץ פון צער און זינד,
דיין פאָלק ישראל, מיין מאַן און מיין יעדן קינד.״

ב

די מעשה, די מעשה, וואָס ווערט דאָ דערציילט —
איז ניט אין קיין טונקעלע סודות פאַרהוילט,
ס׳איז אַ מעשה וואָס ציט זיך שוין טויזנטער יאָר
און גייט איבער בירושה פון דור צו דור.

ס'איז אַ מעשה פון אַ עמיץ וואָס איז דאָ געווען,
ס'איז מיט דער מעשה ווי מיט אַלע מעשיות געשען;
זי האָט געליבט, געבענקט און אויסטראַכטענישן געשפּינט,
ביז זי איז דורכן קומען אוועק אין אַ טאַנץ מיטן ווינט.

איז זי אַוועק — און מיר שטייען אַלע פאַרגאַפּט,
פאַרן וואונדער וואָס האָט די מעשה געשאַפט;
דער וואונדער, דער וואונדער איז נאָך ניט אויסגעקלאָרט
פון וואונדער איז געבליבן איין פיערדיקער וואָרט.

דאָס פיערדיקע וואָרט האָט אותיות פיר:
אויסגעברענט אין בלוט פאַר מיר און פאַר דיר...
גוט שבת, גוט שבת, מאַמע — אותיות פיר:
צו די בלויע ווייטקייטן — מירביידע אויף שפּאַציר!

ג

מיין וואונדערליך, מיין ליב מאַמע־לשון!
מיט מיין ערשטן געשריי אין דער וועלט האָב איך דיך דערהערט,
ניט די ווערטער — ניט די לידער וועלן ווערן אויסגעלאָשן
פון די ווייטערדיקע יאָרן, וואָס גאָט האָט מיר באַשערט!

מאַמע און לשון, ווי אַזוי קען איך זיי אָפּטיילן,
איך האָב זיי נאָך ביז איצט פון נאָפּל ניט אָפּגעשיידט,
די אַלע וואונדער מעשיות וואָס מען האָט מיר געטאָן דערציילן
זיינען געוואָרען געוועבט פון מאַמע־לשון רייד!

מאַמע־לשון רייד דערגייט צו אַלע היכלען,
די מאַמע האָט דאָס לשון מיט אירע רייד געקרוינט:
אין מאַמע־לשון רייד פלעגט די מאַמע שמייכלען,
אין מאַמע־לשון רייד האָט די מאַמע געוויינט.

אָ, מאַמע מיינע, איך בין דיין יורש געבליבן,
דיין ירושה האָב איך אויף מיין לייב אויסגעברענט:
אין מאַמע־לשון רייד האָב איך דיין נאָמען פאַרשריבן.
מיט מאַמע־לשון רייד האָב איך דיר צו דיין קבר באַגלייט.

ד

די מעשה טוט ניט פון אַ בת מלכה דערציילן
וואָס האָט מיט גאָלד און בריליאַנטן זיך געצירט:
די מעשה איז פון אַ אידישער טאָכטער, וואָס האָט געטאָן גאָט מיטיילן
ער זאָל היטן איר הויזגעזינד ווען זי פלעגט בענטשן ליכט.

די אידישע טאָכטער האָט די ליכט אָנגעצונדן.
די מעשה, די מעשה וועבט זיך אָן אַ סוף:
מיט אַ פאַרנויג צו אַלעמען — האָט זי זיך פאַרבונדן
אין אַ פייערדיקן קוש מיט בלויען שלאָף.

ערשטע אָפּטיילונג

דער אָנהייב פון סוף

ביים אָנהייב פון סוף

מיין פרוי גערטרוד

א

אייביק איז דער ציל צום וועג —
קאַלענדאַר ציפערן קענען אים ניט פאַרצערן.
דורך בלוט און ווי טראָגט דער מענטש זיין פאַרמעג,
און אין בלוט טוט ער זיין גלויבן געבערן.

ניט איינמאָל טראַכט איך צו זיך אַליין,
און איך קען זיך צום סוד ניט דערהויבן
און פאַרשטיין דעם כוח, דורך וועלכן אַ מענטש וויל פאַרגיין
אויפן גליאיקן רוף פון זיין גלויבן.

וואָס איז דען אַ גלויבן, אויב נישט אַ וואָרט,
אַן אויסגעחלומ׳ט וואָרט אונדז צו טרייסטן?
דורך דורות האָבן שוין מענטשן געזאָרגט
צו ברייגגען דעם וואָרט אַ פאַרגרייזטן.

און קרום האָט דאָס וואָרט זיך פאַרשפרייט,
אין טעמפּע ווינקלען, אין ווילדע ערטער.
פון וואָרט איז געוואָרן רייד,
און פון די רייד פוילער געלעכטער.

און פוילער געלעכטער טראָגט זיך אין גאַלאָפּ
אויפן רוקן פון נעכטן און מאָרגן.
אַ פאַרפייניקטער ליגט באַרג אַראָפּ
אַ פאַרשוועכטער גלויבן, אין זיין בלוט דערוואָרגן.

ב

פאַרטאָגן ברייַנגען אַנזאָג
אויף גרויע פליגלען,
ביז די בייַנער האָט קלאָג
זיך געטאָן אויף אונדז פאַרזיגלען.

וואו זייַנען די לידער, די לידער, —
די לידער, וועלכע עס פלעגן,
פאַרבייַנקטע זינגען די ברידער
אויף שטעטלש—פאַרבאַרגענע וועגן?

וואו זייַנען די לידער, די לידער, —
די לידער פון האָפענונג און שטרעבן,
וועלכע פלעגן פירן די ברידער
צום קאַמף פאַר אַ נייעם לעבן?

ג

מיר גריסן זיך הייַנט,
מאָדנע ווערטער ווילן דיך לויבן:
אויף די וועגן שטייען פאַרוויינט,
דער אַנהויב און סוף פון אונדזער גלויבן.

דער סוף ליגט אַ קראַנקער אין שויס,
מיר שטייען פאַרפייַניקטע דערנעבן:
כ׳האָב מורא, אַז נאָר איין גאָט ווייסט,
וואָס פאַר אַן אַנהויב מיר וועלן דערלעבן!

צי זאָל איך גלויבן?

עס ציען זיך צום שלאָפן מידע פאַרנאַכטן,
פון מערב האָט אומעט דעם קאָפּ אַרויסגעשטעקט:
אויף וועמען, זאָג מיר, זאָלן מיר איצט וואַרטן,
אַז אַלע נאָנטע זיינען פון אונדז אַוועק?

אַוואו, זאָג מיר, זיינען זיי אַנטרונען?
אַוואו, גלויבסטו, ליגט זייער אָרט פאַרבאָרגן?
אפשר וועט פון ערגעץ עמיץ נאָך קומען,
וואָס וועט אונדז טראָגן אַנטקעגן — אַ פריינטלעכן גוט־מאָרגן?

לאָמיר שטיין און וואַרטן ביי די שוועלן,
לאָמיר שפּרייטן אַנטקעגן אונדזערע געבעטן —
אפשר וועט דער עמיץ וועלן
די פאַרלאָזענע שוועל איבערטרעטן.

וואָס זשע וועלן מיר אים געבן,
ווען ער וועט שוין צו אונדז קומען;
אַז מיט שטיקער פון אונדזער לעבן
זיינען אַלע נאָנטע אַנטרונען?

מיר וועלן פון אים די מידקייט אָפּשטויבן,
זיין פאַרבאָרגענע ווייטקייט וועלן מיר אַראָפּקושן,
אָ, זאָג מיר, צי זאָל איך גלויבן
אַז ער וועט פון אַלע נאָנטע ברייגען גרוסן?

צווייפל פרעסט

א

צווייפל פרעסט אויף יעדערנס געמיט.
ס׳האָט דער וועג אין בלאָטע זיך דערוואָרגן.
פּאָעט, אין עלענט ליגט פאַר׳משפט דיין ליד,
מיט שרעק טראָגט זיך צו דיר דער מאָרגן.

פון וועמען וועט די האָפענונג קומען,
די האָפענונג, אויף וועלכער דורות האָבן געוואַרט?
דיין וואונטש ליגט פאַרטריקנט אויפן גומען,
יאָרן וואַלגערן זיך פאַרשעמטע, אָפּגענאַרט.

קיין צוטרוי פאַרבינדט ניט מיט עמיצנס וואָרט —
דו קענסט איצט דיין פריינט ניט אויסקלייבן.
איבער וועלט שפּאַצירט מיט חוזק — מאָרד —
דו אַליין שטייסט ביים קבר פון דיין גלויבן.

ב

ניט סם דיין ליד מיט פאַלשקייט, פּאָעט:
ס׳איז גאָטלאָז געוואָרן די וועלט.
קער זיך אום, קער זיך אום, ס׳איז נאָך ניט שפּעט,
ס׳איז דער וועג פאַר דיר ניט פאַרשטעלט.

לייטער אין גלויבן דיין אייגענע שפּראַך,
וואָס דו האָסט מיט ליגן פאַרשעמט,
דיין אמת׳דיק וואָרט שטייט און וואַרט
דיך אויפצונעמען מיט אָפענע הענט!

ס׳פּראָסטיקט אומעט

א

ס׳פּראָסטיקט אומעט פון די ווענט,
פון יענער זייט שויב שרעקט זיך צאָרן;
דיין וואָרט אויף ליפּן געשענדעט
און טרויער ווערט אין דיר געבוירן.

פאַר וועמען ווילסטו דיין וואָרט זאָגן?
ס׳לויערט אַ בייזער ניט פאַרשטיין.
ביז אַלע אייביקייטן וועסטו מורא טראָגן
און מיט דיין איינזאַמקייט וועסטו בלייבן אַליין.

דו און מורא, איר וועט זיך פאַרצוקן;
ס׳האָט די צייט דיין גורל באַשטימט.
די רשעות וועט זיך באַזעצן אויף דיין רוקן
און שטראָפן דיך פאַר דיינע זינד.

ב

אָ, גאָט, וואָס טו איך דאָ אין געווימל,
צי האָט זיך געלוינט פאַר דיר מיין באַשאַף:
צו יאָגן מיך אַ צעשראָקענעם אין טומל
און האָדעווען אין מיר, די געדולד פון אַ שקלאַף?

אָ, גאָט, איך בעט דיך, באַפריי מיך פון בייז —
נאָר דו אַליין קענסט מיין וועג באַשטימען:
אַ פאַרכטיקער קום איך צוריק צו דיין הויז
אין לויטערער פרייד מיין רו צו געפינען.

צוריק פון קריג

א

יאָרן האָבן מיר געטאָן וואַרטן
ביז אין טיר וועט אָנקלאַפּן זיג.
איצט קומען מיר איינגעמידטע פון די שלאַכטן
ס׳האָט דערלעבט דעם סוף דער ווילדער קריג.

גליווער האָט זיך באַזעצט אין די אויגן,
ווען קען מען פרעגן וואָס צו טאָן?
די שווערד איז נאָך פון שייד געצויגן,
חבר, חבר, פון דיין האַנט פאַלט אַרויס די פאָן!

צו וועמען וועסטו זיך איצט ווענדן,
דיינע האָפענונגען זיינען אָפּגענאַרט?
דיין נאָמען, דיין גלויבן האָט מען געטאָן שענדן
ווען מען האָט געפירט דיך אין דער לעצטער שלאַכט.

ב

אָ, חבר, פאַרוואָס טוסטו גאָר ניט ריידן?
זעסט דאָך אַליין ווי מען האָט אונדז באַרויבט.
מיר מוזן זיך פאַרשעמטע שיידן,
מיט אַלץ וואָס מיר האָבן ביז איצט געגלויבט.

ניט מיט ווערטער קען מען דערציילן,
ס׳בלייבט אין שטומקייט דאָס מויל פאַרמאַכט;
אונדזער גלויבן ווי אַ פּגר, וואָס הויבט אָן פוילן,
האָט מען צו אונדזער טיר געבראַכט!

ג

דו האָסט מיך חבר, אויסגעמיטן,
דײַן יעדער וואָרט צינדט מיט שפּאָט.
אויף וועמען זאָג האָסטו פֿאַרביטן
דעם אמת וואָס דאַרף דיך פֿירן צו גאָט?

שפּאָט האָט מיט בײַזקייט דיך דערשלאָגן,
דײַנע אויגן זײַנען געוואָרן בלינד.
ווי אַזוי קענסטו אין דײַנע בלוטן טראָגן
דעם צער פֿון דײַנע שווערע זינד?

ד

מיט אימפּעט יאָגט אויף אונדז די צײַט.
ס׳ווערן דײַנע טואונגען אָפּגעווישט.
איך קום צוריק, איך בין באַפֿרײַט —
מיט פֿרײדיקן פֿאַרנויג — זײַט מיר געגריסט!

אַנטקעגן מיר אין העלן גלאַנץ,
לויכט חרטה פֿון אַלע שפּעטער.
נישט מער, נישט מער, אין בלינדן טאַנץ
אַרום דעם גליוּוער פֿון פֿאַלשע געטער!

נאַכט און טאָג

א

ווער פאַרגייט — ווער קומט אויף?
ביים ראַנד באַגעגענען זיך נאַכט און טאָג,
ווער אין מידקייט — ווער אין געלויף,
טראָגט צום קבר זיין פאַרמאָג.

עס קעמפּט דער מענטש שוין טויזנטער יאָר
ווי צו אַנטלויפן פון זיך אַליין.
ס'איז נאָך אַלץ פאַר אים ניט קלאָר
ווי טאָג גייט אויס אין געוויין.

אין שווערן פחד האָט ער באַזעצט
אַ קלויסטער אין יעדן ווינקל פון דער ערד,
נאָר גאָט'ס געבאָט ליגט פאַרלעצט
אויפן שאַרף פון זיין ווילדן שווערד.

ניט אין נעכטן — ניט אין מאָרגן,
ניט אין אים איז עס געווענדט,
דאָס וואָס ער האָט זיינע האָפענונגען דערוואָרגן
מיט זיינע אייגענע, צאָרנדיקע הענט.

ב

וואונדער, וואונדער אין גאָט'ס וועלט,
און איך אַליין בין נאָך אין וואונדער,
ס'האָט ביז איצט מיר געפעלט
די גרויסע פרייד פון זיין באַזונדער.

אָפּגעטײלט פֿון אַלץ אַרום,
לויטער איך זיך אין באַשייד —
פֿון געשריי, דערפֿיל איך שטום
דעם קלאָרן זין פֿון מײַנע רייד.

ווייט אַוועק פֿון בייז געפּעכט
צו דער קלאָרקייט פֿון באַגינען,
אָפּגעשמידט פֿון זיך דעם קנעכט,
מיין טראָט וועט שוין דעם וועג געפֿינען.

ג

איך פֿיר מײַן טראָט ווייט אַוועק
צו דעם אומבאַוואוסטן מאָרגן,
אַ פֿאַרפֿייניקטע האָט זיך מײַן שרעק,
נעכטן ביי מיין שוועל דערוואָרגן.

און דאָס לעצטע ביסל שפּאָט
איז פֿון מיר שוין אויסגערונען,
גאָט איז רו, רו איז מײַן גאָט,
כ'האָב מײַן גאָט שוין איצט געפֿונען!

עס קען נאָך זײַן

א

עס ווערט נאַכט, איך בויג מײַן קאָפּ אין מידקייט,
גרויער לעבן האַלט מיך געפאַנגען,
אין סודות ליגן פאַרוויגט בײַ מײַן זײַט,
נאָך ניט אויסגעלעבטע פאַרלאַנגען.

באַטאָג זײַנען זיי געווען מיד — און קראַנק
און האָבן זיך געצויגן צו שטאַרבן,
נאָר איך האָב זיי געבונדן אין מײַן געדאַנק
ווי אַ פּויער אין פעלד די גאַרבן.

אין לעצטן געבעט האָב איך געקניט,
פאַר מײַנע ניט אויסגעלעבטע פאַרלאַנגען.
און אַזוי בין איך מיט שטילע טריט
פון זיי, אַ פאַרשעמטער, אַוועקגעגאַנגען.

דרײַ מאָל האָב איך געקרייצט די ערד,
ביז מידקייט האָט מיך אַוועקגעריסן;
מן הסתם איז דאָס שוין אַזוי באַשערט
איך זאָל זייערע סודות זיך ניט דערוויסן.

ב

דו שעמסט זיך וואָס דו ביסט בלינד,
קענסט גאָט׳ס וועג ניט געפינען,
מוזט אַ פאַרלוירענער אַצינד
צו אַ פאַלשן גאָט דינען.

דיין גאָט איז זינלאָז און אויסגעטראַכט,
שווער איז דיר פון אים זיך שיידן —
אַ אומעטיקער האָסטו צו אים געבראַכט
אַ קרבן — דעם גאָט פון דיין זיידן.

ווי אַ שאטן שלייכסטו אויף דיין וועג —
ניט צו קיין ערגעץ — פון קיינעם ניט געפירט;
פון וויטן גייט אויס ווי אַ פלעק
אין אייביקער פינצטערניש דיין גאָט׳ס געזיכט.

ג

אַ הונגעריקער לעבט אין דיר זיין באַגער
אין אַלע דיינע רייד — רעדט זיין שטים;
דער וועג צו גאָט איז לאַנג און שווער —
דורך זיך אַליין דאַרפסטו קומען צו אים.

דורך זיך אַליין, דער נסיון איז גרויס
דער וועג גליטשט זיך אונטער דיינע טריט.
דורך לאַנגע קאָרידאָרן גייסטו אין פאָרויס
און היטסט דיין טראָט זאָל ניט ווערן מיד.

ס׳קען נאָך זיין אַז עס וועט געשען —
אין ערגעץ וואַרט אויף דיר דאָס אָרט,
וואו וועסט אַ באַפרייטער זיך דערזען,
אין גרויסן נס פון גאָט׳ס וואָרט!

עס לאַסטיקט גרויל

י. א. ווייסמאַנען

א

די נאַכט קומט אָן מיט טריט שטילע
אויסגעפּוצט פֿאַרגייט דער טאָג אין פֿאַרבן.
עמיץ וויל דערגרייכן גאָט מיט תּפֿילה —
דעם מענטש, אים ציט צו שטאַרבן.

ער גרייט דעם טויט אין זיך פֿון אייביק אָן,
אין געפֿאַנגענשאַפֿט האָט אים לעבן פֿאַריאָכט —
ער שטאַרבט מיט פֿרייד, פֿאַר לאַנד — פֿאַר פֿאָן,
פֿאַר קלאַנג פֿון אַ טרייסטענדן וואָרט.

מיט שרעק טראָגט ער די יאָרן —
אין שטענדיקן געלויף פֿון זיי.
ביים טויט, ווי ביים געבאָרן,
גייט ער אויף מיט פֿייערדיקן געשריי.

ב

גאָט האָט איינגעשניטן אַ בלוטיקן צייכן,
וואָס לאַסטיקט אויף אונדז מיט גרויל:
וואו אַהין וועט דער מענטש דערגרייכן
אַז ער ליגט ביי תּאווה אין מויל.

ער איז מיט תּאווה אָוועקגעגאַנגען
איז אין קללה געבליבן זיין הויז;
ס׳האָט פּחד איבער וועלט אים אויפֿגעהאַנגען
און אין פּחד גייט ער אויס.

ער האָט מיט חוזק זיך באַלאָדן
ווען ער איז אַוועק פון שטאָט;
פון וואַנען און פון וועלכן באָדן,
וועט אויפגיין זיין תפילה צו גאָט?

ג

דער טויט אין הונגעריקן געיעג
זעטיקט זיך מיט מיינע טעג.

מיין יעדער טראָט, אין שטילן גאַנג,
ליגט אַ פאַרפייניקטער אין זיין געפאַנג.

ביי מיר זיינען שוין אַ סך יאָרן
געשטאָרבן — און צוריק לעבעדיק געוואָרן,

די וואָס האָבן מיך פאַרפעלט
לעבן אויף אין ערגעץ אין דער גרויסער וועלט.

לעבן אויף אין ערגעץ — איך ווייס וואו:
אין מיין אומרו וואָס ביינקט נאָך רו;

אין יעדן אָטעם אין יעדן גליד
פון מיין פאַרצווייפלט איינזאַם ליד.

דער סוף איז נאָנט — איך פיל אים שוין
אין מיין בלוט אין יעדן ביין,

אין אַ פריידיקן דערמאָן: —
דער טויט איז דאָ — ער קומט שוין אָן!

אין שפּעטער שעה

א

עס איז אומעטיק, די שעה איז שפּעט.
איך בין אַריינגעוועבט אין פּחד פון נאַכט.
אין איינזאַמקייט האָב איך צו זיך גערעדט —
פון זאַכן, וואָס איך האָב דורכן טאָג פאַרטראַכט.

פון מיין שווערן גורל, וואָס האָט מיין לעבן באַלאָדט
מיט דער בייזער קללה פון אַ וויסטן שקלאַף;
מיט דעם גרויסן וואונדער, וואָס מיר רופן גאָט
און די טיפע סודות פון זיין באַשאַף;

פון דעם שאַרפן אומרו, וואָס מיר טראָגן —
צו דעם אומבאַוואוסטן ערגעץ, וואו דער אָנהויב פאַרגייט;
פון דעם קלאָג, וואָס מיר טוען קלאָגן
צו דער קאַלטער שטומקייט, וואָס מיר רופן טויט.

ב

אויף מיינע פּלייצעס האָב איך מיין ארון געטראָגן.
ער איז שוין אין מיטן שטוב אַוועקגעשטעלט.
אַ ליידיקער איז אַוועק מיין טויטן־וואָגן — —
מיך באַוויינען אויף מיין שטיקל פעלד.

מיין שטיקל פעלד איז אומעטיק און פאַרלאָזן, — —
שוין יאָרן אַז אין בענקעניש עס וואַרט,
עס האָט זיך שוין באַצירט מיט ווילדע גראָזן,
נאָר מיך האָט מען נאָך אַלץ צום פעלד ניט געבראַכט.

איך דריי זיך נאָך אַרום מיט מיין וויסטן לעבן
און זוך נאָך אַלץ אין ערגעץ דערגיין.
נאַכט אַ הונגעריקע טוט אין פּחד מיך פאַרוועבן.
איך בלייב אין מיטן שטוב מיט מיין ארון אַליין.

ג

שווער לעבן מיינס, אין צער פאַרגאַנגען,
וואָס האָב איך געהאַט, וואָס האָב איך אָפּגעשפּאָרט ?
איך ליג אַליין אַ פאַרפייניקטער — געפאַנגען
ביים עקל פון פאַלשן וואָרט.

איך האָב געפירט אַזוי פיל שלאַכטן
האָב טויזנט מאָל געזיגט און פאַרלאָרן.
די שעה איז שפּעט. מיין איינזאַמקייט טוט טראַכטן
פון די שרעקן, וואָס זי האָט מיר געבאָרן.

פון די שרעקן, איך בין פון זיי איינער,
מן הסתם, איז דאָס פון גאָט אַזוי באַשערט :
מיטן אומעט פון האַרבסטיק־הוילע ביימער
טראָג איך זיך, אַ פאַרשעמטער, דאָ, אויף אונדזער ערד !

ס׳איז אַזוי באַשערט

א

אַ לעצטן קוק, אַ וואָרט, מיר דאַרפן זיך שוין שיידן,
דער גורל אונדזערער האָט אַזוי באַשערט.
ניט מ׳דאַרף, ניט עס ווילט זיך ריידן,
ניט די רייד האָבן איצט אַ ווערט.

האַנט אין האַנט אין לעצטן געזעגן —
מ׳וואַרט, זע זאָלסט ניט פאַרזאמען,
ווי נאַריש און נאַאיוו מיר פלעגן
טראַכטן — ווען מיר זיינען געווען צוזאַמען.

טראַכטן פון אַ עפּעס וואָס לאָזט זיך ניט דערטראַכטן
טראַכטן פון די קינדער וואָס מיר האָבן ניט געבוירן.
ס׳טוט וואָס אין ערגעץ גאָר אויף אונדז ניט וואַרטן
ניט פון אונדזער זיין איז עפּעס געוואָרן.

מיר האָבןביידע גאָר ניט אויסגעקליבן,
אַרום אונדז דרייט זיך אַ בייזער ניט פאַרשטיין.
פון די אַלע יאָרן איז בלויז געבליבן
אין מיין געדעכעניש דיין היסטערישער געוויין.

ב

ליידיק איז מיין הויז, נאָר איך מיטן שאָטן
קענען זיך אין קריג ניט שיידן,
ער איז אַזוי שפּיזיק געראָטן,
ווי צוויי — טראָפּנס אין אונדז ביידן.

איך בין שוין טויזנט מאָל פון אים אַנטלאָפן,
ער איז ווידער צו מיר געקומען,
אַ פאַרשעמטער האָב איך גענומען האָפן
אויף אַ עפּעס, וואָס איך האָב ניט באַנומען.

ג

דיין בייזער קול אין אַלע חדרים פאַרשפּרייט,
ער טרויערט אין מיין אומעט, איך הער אים אין שלאָף.
אַרומגעוויקלט אַרום זיך טראָג איך דיינע רייד,
צו יענעם ערגעץ וואָס האָט נאָך ניט קיין סוף.

איך קום צום ערגעץ איינגעשפּאַנט אין לאַסט
מיין מידקייט לאָזט מיך שוין פון דאָרטן ניט אַוועק;
דיינע סם׳יקע אויגן קומען מיר צוגאַסט,
און איך בלייב אין דעם ערגעץ הענגען ווי אַ פלעק!

ד

דער אָנהויב — ער איז גאָר קיינמאָל ניט געווען
בייזע רייטער האָבן אים פאַרשלעפּט,
אַ לעצטן וואָרט, מיר וועלן זיך ניט זען,
עס האָט זיך דער סוף זיין אָנהויב דערלעבט.

מיר גייען באַזונדער, נאָר קיינער ווייסט ניט וואו —
עס ליגט פאַרבאָרגן אונדזער באַשערטער וועג;
אפשר וועסטו נאָך געפינען רו,
ווען איך וועל פאַרגיין ווי אַ גרויער פלעק!

דער נס

א

דער טאָג איז איינזאַם ווי אַלע טעג,
די נאַכט איז ליידיק ווי אַלע נעכט,
אַ מידער קומסטו פון געשלעג
וואָס דאָס לעבן האָט דיר באַשערט.

טראַכסט פון זאַכן וואָס זיינען ניטאָ,
פון רייד וואָס דו האָסט ניט דערערעדט,
דיין לעבן וואָס קומט אויף אין גראָ,
גייט אויס אין שווערן געבעט.

דער אָוונט קלאַפּט אין דיין טיר,
לאָז אים צו זיך אַריין;
ער וויל זיך געזעגענען מיט דיר
איידער די נאַכט שלינגט אים איין.

ער האָט פאַר דיר געבראַכט
אומעט אין פולע זעק;
אַ צעשויבערטע קומט אָן די נאַכט
אָנגעלאָדן מיט שרעק.

אַ צעשויבערטע קומט אָן די נאַכט,
צי קענסטו אַנטלויפן פון איר?
אין אומגעדולד שטייט און וואַרט
דיין טויט אויף יענער זייט טיר.

ב

מיין בעט איז ליידיק, מיין בעט איז פאַרמאַכט,
נאָר צוקאָפּנס מיין שאָטן שטייט,
דאָס האָבן מענטשן אַזוי אויסגעטראַכט
אַט דאָס וואָס זיי רופן טויט.

ס׳איז ניטאָ קיין טויט — ס׳איז קיינמאָל ניט געווען
פון אייביקן פאַרגיין די פרייד;
ס׳איז נאָר באַשערט איינציקע צו זען
ווי אין לויטערקייט קומט לעצטער צעשייד.

ג

פון אַלע תאוות וויל איך זיך שיידן —
איך שייד זיך אָפּ פון דיר.
פאַר מיר, פאַר דיר, פאַר אונדז ביידן
האָט זיך פאַרלאָשן אונדזער לעצטער באַריר.

איך האָב אויפגעשטראַלט אין גלויבן,
צו גאָט בין איך אַוועק.
כ׳האָב אַליין געטאָן אויסקלויבן
פאַר זיך דעם קלאָרן וועג.

אין קלאָרן וועג האָב איך דערזען
ווי איך בלי אויף אין טויזנט פאַרביקן קאָליר;
ס׳איז מיט מיר אַ נס געשען —
דער נס וואָס באַפרייט מיר פון דיר!

איך קום צוריק

א

מאַמע, איך קום צו דיר אָפּגעגאַרט און אַ מידער.
יאָרן האָט מיר געגומען, איידער איך בין צו דיר געקומען.
עס זיינען איבעריק און שווער אויף מיר אפילו מיינע לידער
וואָס האָבן מיך פון דיר אַוועקגענומען.

דער געיעג, וואָס האָט געריצט מיך און געטריבן,
איז איצטער אויסגעלאָשן און באַרוט;
פון אַלץ און אַלעמען איז מיר נאָר געבליבן
די טיפע נאָענטקייט פון אייגן בלוט.

דו ביסט פרוי — דו ביסט מיין מאַמע!
דיין מאַן — צו אים די נאָענטקייט, ווי צו אַ טאַטן.
איך — ער — אַלע טוען מיר פון דיר שטאַמען.
נאָר מיך וועסטו קיינמאָל ניט פאַרראַטן.

איך קום צו דיר אָפּגעגאַרט און פאַרראַטן,
אויסגעטאָן פון תאווה און פון שווערע זינד.
אַזוי צאַרט פרעגסטו מיר: צי עס וועט מיר ניט פאַרשאַטן
די מידקייט, וואָס באַלאַסטיקט מיך אַצינד?

דו נעמסט מיך אויף. דו ווילסט מיך ניט שטראָפן, —
נאָר אַ טרער האָב איך אין דיין אויג דערזען.
דו וויגסט מיך איין מיט מעשיות איינצושלאָפן
און איך דערפיל זיך — ווי איך וואָלט אַ קינד געווען.

אַ קינד — איצט אין מיין צוויי און פערציקסטן יאָר!
דו מאָנסט ביי מיר ניט, נאָר, ביסט גרייט צו פאַרגעבן
מיט שטילער פרייד גלעטסטו מיינע האָר,
און עס טוט דיר ווי פאַר מיין אָפּגעגאַרטן לעבן.

דו קוועלסט נאָך אָן פון אַלץ, וואָס איך טו זאָגן,
לויכטיקסט אויף אין פרייד, ווען עס צעצינדן זיך מיינע אויגן.
אָט פיל איך, ווי דו וואָלסט אין זיך געטראָגן
דעם צער פאַר וואָס מען האָט מיך באַשפּיגן.

איך האָב ביז איצט עס אַלעס ניט באַנומען.
מיט תאווה האָב איך געררייצט מיין גוף דעם זאַטן.
אויסגעטאָן פון אַלץ, נאָר מיט פרייד בין איך צו דיר געקומען
געבענטשט זאָלסטו זיין — דו וועסט מיך ניט פאַרראַטן!

מיין טיר איז אָפן

ס'איז די טיר פון מיין שטוב אָפן,
און הוילער טיש שטייט אין פאַרשעמטער בענקעניש
נאָך גערוך פון פראָסטן ברויט,
און ווינטער אַ צעשויבערטער שרעקט זיך אַרויף
אויף הונגער־געוויין פון מיינע קינדער,
און ווענט ביי מיר הענגען אויסגעצערטע,
און אַ מענטשלעך פוס באַווייזט זיך זעלטן
ביי מיין אָפּגעריבענער שוועל.
ס'איז די טיר פון מיין שטוב אָפן!
ס'ליגט ניט פאַר קיינעם זאַטקייט אָנגעגרייט,
נאָר פון הוילן טיש ליכטיקט אַ לויטערע האָפענונג!



צווייטע אָפּטיילונג

וואַן־גאָג



וואַן גאָג

צו מיר אין פענצטער גרויט אַריין טאָג,
ביי די פיס וואַלגערט זיך נאָך אַ שלאָפלאָזע נאַכט.
אַנטקעגן מיר הענגט אַן אומעטיקער וואַן גאָג,
מיט אַ בלויען שמייכל אויף זיינע ליפּן פאַרמאַכט.

דורך זיין פּוטערנעם היטל שפּאַרט זיך משוגעת.
דער רויך פון זיין ליולקע צעגייט זיך אין טרויער.
מיינע הענט, מיין שרייבטיש ווערן נאַס
פון בלוט, וואָס גיסט זיך פון זיין אָפּגעשניטענעם אויער —

זיין אויער אין די הענט פון אַ צעשויבערטער זונה,
זיין אויער אין מויל פון אַ הונגעריקן הונט.
ביים טיר וואַרט שוין אַ שמאַלציקער קונה,
וואָס וויל וויסן, צי ס'איז קונסט: פון אויער די וואונד.

ס'איז קונסט די וואונד פון אויער — דאָס איז זיכער!
ווי ס'איז זיכער אונדזער לעבן דאָ אויף דער וועלט.
גיריקע הענט האָבן שוין פאַרשריבן אין ביכער:
וואַן־גאָג, וואַן־גאָג איז ווערט איצטער געלט!

וואַן־גאָג האָט אַ באַרוועסער אַוועקגעשפּאַנט.
ער, מיט זיין משוגעת, האָבן ביידע געקלערט:
וואַן־גאָג הענגט איצט אויף אַ זאַטער וואַנט,
לעבן אַ זעלנער, וואָס גרייט זיין שווערד פאַר געפּעכט.

אַרום איםריידן שטימעס ווייך.
(דער קונסט־פאַרקויפער זוכט אַ קונד)
אין טרויער צעגייט פון זיין ליולקע דער רויך.
וואַן־גאָג בינדט איבער פון אויער זיין וואונד.

וואַן גאָג איז אַוועק

אויף וואַן־גאָג׳ס פּלייצעס ליגט אַ זאַק.
אין זאַק ליגן: פּענזל, פאַרב און פּאַפּיר.
מיט אַ ברודיקער טוך איז פאַרבונדן זיין באַק.
וואַן־גאָג מיט זיין הונגער איז איצט אויף שפּאַציר.

ער האָט זיך געזעגנט מיט זיין געליבטער פּאַריז.
ס׳טרייבט אים די אומרו, ער ווייסט ניט וואוהין.
אין קאָפּ אין מאַרך שטעכט ווי אַ שפּיז —
דער אומעט, וואָס האָט זיך באַזעצט אין אים.

וואַן־גאָג איז אַליין אין דער גרויסער וועלט.
אַליין איז דער וועג, אויף וועלכן ער גייט;
אַ מיידל, וואָס ער האָט זיך פאַרגעשטעלט,
איז די איינציקע, וואָס איז וואַרטן אויף אים גרייט.

צו אַ מיידל דאַרף מען זיין אַ קאַוואַליער,
צו אַ מיידל דאַרף מען האָבן געלט.
פון די אויגן צינדט זיך אַ בלויער באַגער —
וואַן־גאָג מיט זיין הונגער אַליין אויף דער וועלט.

אַליין אויף דער וועלט — דער וועג איז ניט באַשטימט.
דער בלויער באַגער איז אין די אויגן וואַך.
דורכן פּוטערנעם היטל רייסט זיך דער ווינט
און קילט מיט ליבשאַפט זיין צעצונדענעם מאַרך.

ער ברייגנט זיך צו דעם מיידל, וואָס וואַרט —
אַ גרייטע פאַר אים ביי אָפענער טיר.
ער שיינקט איר בלומען, וואָס ער האָט געמאַכט
מיט פּענזל און פאַרב אויף ווייסן פּאַפּיר.

דאָס מיידל איז בייז, דאָס מיידל איז האַרב.
אירע הענט האָבן די בלומען ניט געגעבן אַ ריר.
עס איז איר ניט געפעלען פון די בלומען די פאַרב.
עס איז איר ניט געפעלן פון די בלומען דער קאָליר.

וואַן־גאָג מיט זיין הונגער האָבן זיך פאַרטראַכט,
ס׳האָט בלויער באַגער זיך צעצונדן אין געדאַנק.
וואַן־גאָג האָט — אַ פריידיקער — צום מיידל געבראַכט
זיינעם אַן אויער, פאַר איר אַ געשאַנק.

וואַן־גאָג איז אַוועק. אויף די פלייצעס — אַ זאַק.
אין זאַק ליגן: פענזל, פאַרב און פאַפיר.
מיט אַ ברודיקער טוך איז פאַרבונדן זיין באַק.
די טוך איז געפאַרבט אין רוישיקן קאָליר.

וואַן־גאָג אין זיין צימער

דער צימער — קרום. פון די ווענט שפּאַרט שימל.
אַ שוּוער טישל, אַביינקל, און אַ הילצערן בעט.
אויפן טישל — אַ ברודיק פאַרוועלקט בלימל.
אינמיטן צימער טריקנט זיך אַ שטיקל גרעט.

וואַן־גאָג שפּאַנט אין צימער, ווי געפאַנגען.
ער טראַכט: פון שיינק, פון מיידל און פון זיך.
עס וואָלט וואַן־גאָג איצט צום מיידל געגאַנגען,
ווען ער וואָלט נאָר געהאַט אויף זיך שיך.

ס'איז ניט די שיך, ער וואָלט זיין לעבן איינגעשטעלט —
אַ באָרוועסער וואָלט ער צו איר געקומען.
ער ווייסט אַז צו אַ מיידל דאַרף מען האָבן געלט.
ער ווייסט, אָן געלט וואָלט זי אים ניט אויפגענומען.

בענקעניש רייסט זיך פון זיינע אויגן.
זיינע אויגן רייסן זיך צו דער קרומער טיר,
צו וואָס קענען וואַן־גאָג'ס בילדער טויגן,
אַז אָן געלט קען ער ניט קומען צו איר?

נעכטן איז ער געגאַנגען איבער הויפן,
מיט צעשויבערט פּנים און די אויגן ווילד.
נאָר עס האָט קיינער ניט געוואָלט קויפן.
ס'איז פרעמד פאַר אַלעמען די זון אויף זיין בילד.

אפשר גאָר אַן אַנדער זון מאָלן,
אַ זון, וואָס יעדן איינעם געפעלט?
עמיצער וועט פאַר דעם באַצאָלן.
ער וועט דעם מיידל ברייגנען פולע הויפנס געלט.

דאָס מיידל וועט אַ פריילּיכע אים אויפנעמען
וועט גלעטן אים מיט צאַרטע ווייכע רייד.
ער וועט ווי אַ קינד זיך פאַרשעמען
און ווי אַ קינד וועט ער צעגיין אין פרייד.

ס'איז שטיל אין צימער. פון די ווענט שפּאַרט שימל
אין אַלע ווינקלען האָט זיך די איינזאַמקייט צערעדט,
אַ מידער ליגט וואַן־גאָג אין די אָרעמס פון דרימל,
און אין מיטן שטוב וויגט זיך דאָס שטיקל גרעט.

וואַן־גאָג שרייבט צו זיין ברודער

מיין ברודער מאיר'ן

דיין בריוו, ווי קוועליק וואַסער קלאָר,
איך שפּיגל אין אים מיין צעשויבערט פּנים.
איך טראָג זיך איבער אין חלום פון וואָר
און — אין חלום טו איך זיך דערקאָנען.

דיינע בריוו מונטערן דעם גלויבן צו זיך, —
איך ווער פון זיי מיט לויטערקייט באַהעלט.
מיט דיין ליבע אַרומגעוויקלט, האָב איך אויף אַ ציך
זיך גענומען מאָלן א פּעט־צעאַקערט פעלד:

דאָס פעלד איז ברייט און ווייט און שמעקט מיט ברויט.
איך האָב זיך צוריק ווי אַ פּויער דערפילט.
עס האָט געדוך פון גראָז און קאָרן אויף מיר געוויט
און די זון האָט אומרו מיינעם געשטילט.

איך האָב פאַרגעסן אָן שטאָט, אָן בייזע רייד,
אָן קרומע מענטשן, וואָס ווילן מיך פאַרצוקן.
ס'האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ מאָדנע, ווילדע פרייד
און אין שטילער תפילה האָב איך צו גאָט געטאָן זיך בוקן.

נאַכט איז צוגעפאַלן. איך בין צוריק אין שטאָט אַוועק,
די שטאָט, וואָס איז מיט זאָרגלאָזיקייט און פּוץ באַרימט, —
נאָר די נאַכט האָט זיך צעלייגט אויף מיר מיט שרעק
און עס האָט — אין בייזער — געוואָלט מיך איינשלינגען דער ווינט.

איך האָב געטראַכט פון לעבן מיינעם, וואָס גייט אין עלענט אויס,
פון מיין געפּאַנגשאַפּט אין מויל פון לוסט.
ווען איך שטאַרב, וואָלט איך אַ טויטער געלעגן דאָ אין הויז
און — קיינער אין שטאָט וואָלט פון דעם ניט געוואוסט.

א שטאָט אַזאַ — מיט מיליאָנען מענטשן. און איך אַליין —
אין אומעט און אין עלענט. מן הסתם איז אַזוי באַשערט,
אַז עס זאָלן מענטשן מיך ניט פאַרשטיין,
ביז מיין לעצטער אָטעם וועט פאַרשווינדן פון דער ערד.

איך בענק צוריק צום פעלד, צו דער ווייטקייט און רו,
צום פויער, וואָס פאַרבינדט די זאַנגען אין גאַרבן.
און, אויב עס איז באַשערט, וואָלט איך געוואָלט אין רו —
אויפן ברייטן פעלד זיך לייגן און שטאַרבן.

צווייטער בריוו צום ברודער

איך קען דיר אַלץ ניט אויסדערציילן, —
ס׳איז שווער פאַר מיר אַלץ צו זאָגן:
אַ פרוי, וואָס איך האָב געטאָן אויסדערוויילן
האָט מיך ערשט ניט לאַנג באַטראָגן.

איך האָב געמיינט, איך וועל עס ניט אויסהאַלטן,
ווען זי איז אָן ווערטער פון מיר אַוועק:
ס׳האָבן מיך געפּייניקט ווילדע געשטאַלטן
אָן אויפהער, וואָכן און טעג.

אַליין האָב איך זיך געטאָן פירן,
אָן שוץ פון עמיצנס הענט — — —
איצט האָט זיך אין מיינע געהירן
אַ פייער אַ ווילדער צעברענט.

איך האָב קיינעם ניט געקענט דערקענען,
ווען מיינע פיס האָבן איבער גאַסן זיך געצויגן.
ס׳האָבן, ווי דעקלעך, מיינע ברעמען
אינגאַנצן פאַרמאַכט מיר די אויגן.

איך האָב ניט געוואוסט, וואָס ס׳איז געוואָרן,
ווען שרעק האָט זיך באַזעצט אין געדאַנק, דעם אויסגעצערטן:
איך האָב נעכטן אין ווילדן צאָרן
מיין נאָענטסטן חבר געוואָלט שעכטן.

איך ווייס ניט, ווי אַזוי עס איז געשען,
ווי מאָדנע עס האָט זיך פאַרוואַנדלט דער יונג:
איך האָב אים פּלוצים פאַר זיך דערזען
מיט — הערנער און שפּיזיקן צונג

האָב איך גענומען נאָך אים זיך יאָגן
מיט נאַקעטן מעסער אין האַנט.
אוי, ווי אַזוי קען איך עס דיר זאָגן,
ווי איך ווער פאַרצערט פון אייגענער שאַנד?!

איך וואָלט דיר נאָך פון מיינע בילדער געשריבן —
נאָר דאָס וויל איך פאַר דיר באַרירן:
די זון פון מיין פעלד איז מיר אין קאָפּ געבליבן —
זי פאַרברענט מיר מיינע געהירן.

אַ בריוו פון סאַנאַטאָריום

שוין וואָכן, אַז ס׳איז מיך קיינער ניט געקומען באַזוכן —
כ׳האָב מיינע אויגן נאָך אַ פריינטליך פּנים אויסגעקוקט,
דאָ אין צימער פאַרפּייניקן מיך קלעפּיקע געריכן,
אַ שווערער צווייפל האָט אויף מיין געמיט זיך אָנגערוקט.

זייער אָפט טראַכט איך, ווי אַזוי זיך צו באַפרייען
פון צווייפל, וואָס פּרעסט מיין יעדן ביין.
אַ סך מאָל הויב איך אָן ווילד צו שרייען
און אין דעם ווילדן געשריי וויל איך פאַרגיין.

מאָדנע בילדער רייסן מיין מאַרך ווי מיט צוואַנגען, —
אין גאַלאָפּ טראָג איך זיך מיט זיי אין אַ געדריי.
עס דוכט זיך מיר: איך שטיי אין מיטן אַ פעלד מיט זאַנגען
און ווער מיט זעטיגקייט אָנגעפילט, ווי זיי.

פון ווייטן איז פאַריז אַרומגעבונדן מיט פלאַמען.
עס ברענען פון קלויסטערס די קופּאָלן.
נאָך ליכטיקער פון אַלץ זיינען — אין די ראַמען —
מיינע אָנגעגליטע בילדער, וואָס איך האָב געמאָלן.

מיינע אָנגעגליטע בילדער — איך וויל זיי ניט פאַרלאָזן,
איך בין אין יעדער שטריך — אין שטיקל לייוונט אין די פאַרבן.
עס וועלן בענקען נאָך מיר די זון, דאָס פעלד און די גראָזן,
ווען איך וועל אַ צעצונדענער, אויסגיין און שטאַרבן.

עס אַרט מיך ניט דאָס אַוועקגיין פון אַזאַ זינלאָז לעבן,
פון דעם קליינעם מענטשל, וואָס טוט אַלץ פאַרדאַרבן.
אין מיינע בילדער האָב איך זיך געטאָן פאַרוועבן,
אויפגיין וועל איך — אפילו נאָכן שטאַרבן!

וואַן־גאָג אין לעצטן געזעגן

וואַן־גאָג האָט זיך אַליין צו זיין קבר באַגלייט.
דער קבר, אַ פאַרפּוצטער, איז אים געגאַנגען אַנטקעגן.
דאָס פעלד האָט צום לעצטן מאָל פאַרנומען זיינע רייד,
און אין פייער איז פאַרגאַנגען דער לעצטער געזעגן.

ער איז אַוועק מיט באָרוועסע פיס
צו זון, צו פעלד, צו ווילדע גראָזן,
אַ ירושה דער וואונדערלעכער שטאָט פּאַריז
האָט ער די ליולקע און היטל איבערגעלאָזן.

ס׳האָט קיינער אין פּאַריז נאָך אים ניט געבענקט,
קיינער האָט ניט געוואוסט, אַז ער וועט שוין צוריק ניט קומען,
אַ לעצטן קוק האָט ער פּאַריז געשענקט,
איידער ער האָט זיך מיט טויט אַרומגענומען.

ער האָט זיך מיטגענומען פּענזל, פאַרב און פּאַפּיר,
און, מיט אַ שטיקל לייוונט אין האַנט,
האָט ער אַן אויפגעלויכטענער אין רוישיקן קאָליר
מיט זון פאַרגאַנג אַוועקגעשפּאַנט.

די זון איז פאַרגאַנגען אין רויטן צונטער,
נאָר אין געלאַף האָט קיינער דעם קבר ניט דערקענט.
עס קוקט אַ טרויעריקער וואַן־גאָג אַרונטער
פון אויסגעפּוצטע זאַטע ווענט.

צילענדערס און קונסט־פאַרקויפער דרייען זיך אַרום אים,
וואַן־גאָג אַ פאַרבענקטער טראַכט פון זיין מאַמע;
ער שטרעקט אויס זיינע הענט — עס וויל רופן זיין שטים,
נאָר עס פאַרשטיקט זיין קול דער קלאַנג פון אַ פּיאַנע.

דאָס שפּילט מען אַזוי אַ סאָנאַטע אויס
פון אַ עמיצן, וואָס איז פאַרגאַנגען אין טרויער.
פינגער פאַרוואונדערטע ציען זיך פאַראויס —
און טאַפּן פאַרגאַפטע די וואונד פון זיין אויער.

זיין וואונד, אַ פּוץ פאַר די אויגן פון אַ גביר,
איז אין גאָלדענע ראַמען אַריינגעשטעלט,
וואַן־גאָג מיט פּענזל — פאַרב און פּאַפּיר,
שפּאַצירט אַ באָרוועסער אַרום אויף דער וועלט.

דריטע אָפּטיילונג

אין פאַרוואונדערונג

דאָס אָרעמע ביסל זון

כ׳האָב צוגעגנב׳עט אַביסל זון
און עס צוגעקלעפּט אויף מיין שויב,
נאָר איך ווייס ניט ווייטער וואָס צו טאָן
מיט דעם ביסל טייער רויב.

כ׳ווייס ניט פון וואַנען ס׳האָבן זיך פאַרזאַמלט
אַזויפיל קולות הינטער מיין טיר?
ס׳האָט אין פאַרלוירנקייט מיין שרעק זיך פאַרשטאַמלט,
און מיין פנים איז אויפגעלאָפן ווי אַ געשוויר.

ס׳ווילן די קולות אויף שטויב מיך צעטרעטן,
כ׳האָב זיך פאַרזינדיקט פאַר זיי;
ס׳ווערט מיין שטיל הכנעה׳דיק בעטן
פאַרפייניקט אין זייער אויפגעשוואָלענעם געשריי.

דאָס אָרעמע ביסל זון זאָל איך אָפּגעבן
דעם בייזן הונגעריקן ווינט:
ווייל אויף זיי האָט זיך געטאָן פאַרוועבן
די קללה פון ליכט — וואָס מאַכט בלינד.

זיי האָבן דאָס ביסל ליכט אַוועקגעריסן,
און מיך אַליין אין אומעט פאַרשפּינט.
איינער צום צווייטן לאָזט מיט פרייד וויסן
אַז איך בין שוין ווי זיי — אויך געוואָרן בלינד!

אין פאַרוואונדערונג

איך טראַכט אַ סך מאָל — אָ, ליבע פרוי!
פאַרוואָס ווען עס שטאַרבן טעג אין אָונט־גרוי,
באַגלייטן מיר זיי ניט אַרויס מיט געוויין?
און ניט אין טרויער ברעכן זיך אונדזערע הענט,
ווען זון רוקט זיך אַוועק פון אונדז פאַרשעמט;
אָ, זאָג עס מיר ליבע פרוי, כ׳קאָן עס נישט פאַרשטיין!

איך קאָן עס נישט פאַרשטיין ווי ס׳קומט
וואָס רייד ווערן אין מיר פאַרשטומט,
גראָדע ווען פרימאָרגן צוואָגט זיך אין בלוי?
נאָר ליפּן וואָס טראָגן אויף זיך אַ צוים
גליווערן זיך אין ווייסן שוים;
כ׳קאָן עס נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס עס איז אַזוי?

ווי זשאַווער אויף אַן אַלטן שווערד
איז שוין מסתם מיר באַשערט,
צו וואָלקענען מיט איינזאַמקייט אַליין;
און אין טויטע ווייטקייטן איינגעשפּאַרט,
וואָש איך די הענט אין בלוט פון נאַכט.
אָ, ליבע פרוי, כ׳קאָן עס נישט פאַרשטיין!

נישט איין מאָל האָב איך ביי זיך געטראַכט;
וואָס איז דאָס פאַר אַ כוח וואָס האָט געמאַכט —
אַז אַ מאַן אין מיינע יאָרן,
זאָל זיך צינדן אַ ווילדער אין געיעג
אויף ניט אַן אויסגעלייזטן וועג
אָן אַ ציל אַ קלאָרן!

נאָר מסתם האָט אין אַ האַרבסטיקער נאַכט
געוויס עמיצער צו מיר געבראַכט —
אומעט אויסגעוועבט אין אָוונט־גרוי;
איז פון דעמאָלט האָב איך אין בענקעניש דערקענט
אַז זון רוקט זיך אַוועק פון אונדז פאַרשעמט,
ביזן אָנקום פון פרימאָרגן־טוי.

ס׳איז האָר מיינע ווי קופּער ברוין
כאָטש צייט זילבערט שוין —
מיין קאָפּ מיט גרויקייט איין;
נאָר איך וויין נאָך אַלץ ווי אַ קינד
ווען אין קוימען צעפּאַטשט זיך מיט יאָמער אַ ווינט;
אָ, ליבע פרוי, כ׳קאָן עס נישט פאַרשטיין?

ס׳איז נישט קיין טעמפּקייט וואָס לאָזט נישט פאַרשטיין,
פאַרוואָס מענטשן באַגלייטן ניט פרימאָרגנס אַרויס מיט געוויין,
ווייל מסתמא וועט אייביק זיין אַזוי;
נאָר אפשר דער וויסן — אַז פאַר די
וואָס דו האָסט וואַרעמקייט געשפּרייט,
וועלן מיט טויזנטער קללות פאַרלעשן דיינע רייד;
אָט דאָס וואָס אַרט, נישט אמת, ליבע פרוי?׳

גאַסט דו ווייטער

אָט דאָס, ברודער גוטער, איז אַ האַנט,
אויסגעכאַוועט אין דער האַרציקייט פון ווייטן לאַנד,

ניט מיט גאָלד און בריליאַנטן פאַרפּוצט,
ניט מיט פּראַצע פרעמדער זיך באַנוצט,

נאָר מיט גלויבן אַזעלכן פון יענעם לאַנד,
אין דעם, ברודער גוטער, האָט זיך אויסגעכאַוועט די האַנט!

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

כ׳האָב די שוועל פון מיין געצעלט
אויסגעצירט אין בלומען;
און אַליין אין דערוואַרטונג זיך געקוועלט
ביז מיין ווייטער גאַסט וועט קומען.

אָ, גאַסט דו ווייטער, וואו ביסטו איצט,
פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען?
אָט ביז ניט לאַנג האָב איך זיך אַליין באַשיצט
מיט מיין צונג דעם שטומען.

אָ, ביז ניט לאַנג, דו ווייטער גאַסט,
האָב איך קיינעם נישט געשווינט;
איצטער האָבן די, וואָס איך האָב געהאַסט,
פאַר זייער קעניג מיך געקרוינט.

אויף פערד נאַכטיקע זיינען זיי מיט מיר אַוועק
ביזן סוף פון וועג דעם קרומען.
און איבערגעלאָזט מיך דערנאָך אין וויסטן שרעק
מיט מיין צונג דעם שטומען.

איצטער בין איך אין מיין געצעלט
אַ קראַנקער אָנגעקומען;
און פאַר דיר האָב איך עס אַוועקגעשטעלט
ביים שוועל די טעפּ מיט בלומען.

שפּעטיק ניט, דו גוטער גאַסט,
כ׳וואַרט נאָך אַלץ אויף דיר.
ס׳קאָנען נאָך ווידער די וואָס איך האָב פאַרהאַסט
זיך דערנענטערן צו מיר.

ס׳קאָן נאָך ווידער זייער בייזער געלעכטער
באַלעסטיקן מיין פרייד,
ס׳וועט דאָך זיכער זייער טראַט דער שלעכטער
פאַרוויסטן, וואָס איך האָב פאַרזייט.

איז שוואַך בין איך צו קלאָגן
מיט מיין צונג דעם שטומען.
אָ, גאַסט, דו ווייטער, צי קאָנסטו נישט זאָגן:
פאַרוואָס דו ביסט נישט געקומען?

דער חכם מיין גאַסט

איך האָב צעשטעלט טעפּלעך מיט ווינט,
און פאַרטריבן פון זיך מיין הויז־געזינד.
דריי טעג און דריי נעכט, האָב איך געפאַסט
כדי דער חכם זאָל קענען ביי מיר זיין צוגאַסט.

די וועלט האָט נישט אַזוי פיל טרערן — וויפיל איך האָב אויסגעוויינט,
ווען דער חכם האָט מיר פאַר זיין גלייכן געקרוינט;
מיט אַ היטל פון גאָלד און דיאַמאַנטן צוגעפּאַסט —
האָב איך געוואַרט אויפן חכם, מיין גאַסט.

האָב איך וואַכן געהאַלטן אָפן די טיר
פאַרן חכם וואָס דאַרף קומען צו מיר,
מיט אַ סאַמעטענעם מאַנטל — און גאָלדענעם שווערד
אויפן רוקן פון אַ שטאָלצן — רויט־ווייסן — פערד.

נאָר, וואָס פאַר אַ זיכערקייט — וואָס פאַר אַ ווערט
האָט אונדזער נישטיק לעבן דאָ אויף דער ערד;
ווען ניט אַלץ וואָס ס׳איז פאַראַן איז פאַר אייך געמיינט,
אפילו ווען מען איז שוין ווי אַ גלייכער געקרוינט.

אַז אַ יעדער ווינטל וואָס דערזעט נאָר די וועלט —
פאַרקלייבט זיך צו אייך ווי אין אַ געצעלט,
און וואוינט דאָרטן אַפּ וואָכן און טעג
ביז ער פליט צו די אייביקייטן מיט אייך אַוועק.

ניט נאָר פאַר מענטשן איז דאָס באַשערט —
אַ ווינטל פאַרקלייבט זיך אַמאָל אויך צו אַ פערד.
דעם חכמ׳ס פערד מיט אַ געהויבענעם עק —
איז געאָרעמט מיטן ווינטל אויף אַ שפּאַציר אַוועק.

איז דער חכם געבליבן אויסגעשטעלט,
אין ערגעץ וואו — אויפן מיטן פון דער וועלט;
מיטן היטל — מיטן שווערד — מיט זיין חכמה אַליין
אַט ווי ער וואָלט ערשט אין דער וועלט געקומען צוגיין.

געדולד פון מענטשן איז געוויס אָן אַ ברעג,
האָב איך ניט געוואוסט אַז דער פערד איז אַוועק.
דריי טעג און דריי נעכט האָב איך אַ גרייטער געפּאַסט,
וואַרטענדיק אַז דער חכם זאָל ביי מיר זיין צוגאַסט.

דער חכם האָט געזאָגט

יעקב גלאַטשטיינען

דער חכם האָט געזאָגט:
וואָס האָסטו געהאָט — וואָס האָסטו פאַרמאָגט,
ווען דו ביסט אויף דער וועלט געקומען?
ווי פון אַ האָן דער געקריי
אַזוי טראָגט זיך איבער וועלט דיין געשריי,
ווי מען וואָלט ביי דיר עפּעס צוגענומען.

האָסט גאָר ניט אויף דער וועלט געבראַכט
אַחוץ דיינע אויגן וואָס וועלן ווערן פאַרמאַכט,
ווען דו וועסט זיך צום לעצטן מאָל מיט זון געזעגענען.
נאָר דיינע פאַרמאַטערטע אויסגעצויגענע הענט —
וואָס וועלן אין לעצטן געבעט צו גאָט זיין געווענדט
וועלן מיטנעמען פולע הויפנס גרוסן.

פולע הויפנס גרוסן — מ׳וועט זיי ניט קענען איבערציילן,
דו אַליין וועסט זיי מיט ליבשאַפט פאַרטיילן —
צו אַלע וואָס וועלן דיר קומען אַנטקעגן;
דעם שונא — דעם נאַר — און דעם וואָס איז באַשערט
צו ווערן פון אייגענער שנאה פאַרצערט.
וועסט האָבן גענוג אויך פאַר זייערטוועגן.

ניט פאַר דיר — און ניט פאַר דיין שטאַנד
איז ווערט צו טראָגן אויף זיך אָט די שאַנד,
וואָס דער לאַסט פון לעבן האָט ארויפגעלייגט;
דו אַליין דאַרפסט מיט אויפגעהויבענע הענט —
וואַרטן אויפן יענעם וואונדערליכן — לעצטן מאָמענט
ווען דו וועסט אַוועקגיין עלעגאַנט פאַרנויגט.

פאַרנויגט צו זיך — און צו אַלץ אַרום:
צו דיין ביינקשאַפט וואָס וועט אויפלעבן, אומעטום
אפילו אין אַ בלאַט וואָס דער האַרבסט האָט צעטראָטן;
און יעדן איינעמס רייד —
וואָס וועט אויפגיין — און פאַרגיין אין פרייד,
וועט זיין אין דיר — אין דיר געראָטן!

אַ זקנה שפּינט

אַ זקנה זיצט ביים פענצטער און שפּינט.
ביי אירע פיס ליגן צוויי קודלאַטע הינט,
די זון און לבנה — געלע פלעקן —
גייען אויף און פאַרגייען אויף די הינטישע עקן.

די זקנה שפּינט פאַר זיך אַ טוך.
אויף די ווענט פאַשעט זיך אַ שווערער גערוך:
פון קרויט און חזיר וואָס זי טוט קאָכן
פאַר זיך און די הינט אויף גאַנצע וואָכן.

אַז עס וועט שוין זיין צעקאָכט דער חזיר און קרויט,
און ווייך וועט זיין דאָס איינגעווייקטע ברויט,
וועט זי פון הימל אַ שטערן אויסקליקן,
דורך אים צו אירע קינדערלאַך גרוסן צעשיקן.

גרוסן איינגעווייקט אין אַ שפּיציקן טרער,
פון דעם וואָס ס'איז געשטאָרבן ביי איר דער געהער,
און אַ גליווער אין די אויגן קומט שוין צוגיין
מיט אָפענעם מויל און צערייצטע ציין.

נאַכט גייט אויף — נאַכט גייט אויס.
טאָג און זון אויפן דאַך פון הויז.
דער שטערן האָט ניט פאַרשטאַנען דער זקנה'ס שפּראַך,
האָט ער זיך געלייגט שלאָפן ביי איר אויפן דאַך.

איז די זקנה ביים פענצטער געזעסן און געוואַרט
צוויי טעג און אַ גאַנצע נאַכט:
לעם איר צעלייגט ביי דער רעכטער זייט
זיינען געלעגן די הינט און האָבן חזיר געקייט.

איז די זקנה מיט מידקייט איינגעשלאָפן.
זיינען ווינטן אויף פליגלען אָנגעלאָפן
און האָבן דעם שטערן פון שלאָף באַפרייט —
פון אָנהויב — פון סוף — פון דער אויסגעטראַכטער צייט.

די זקנה האָט פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט
און צען מאָל די קנייטשן אויף זיך געטאַפּט.
זי זיצט נאָך איצטער און שפּינט אַ טוך
און די הונגעריקע הינט קייען אַן אַלטן שוך.

האַרבסט

עס שפּאַרט אויף אונדז זיך די עלטער
פון טויזנטער פאַרבאַרגענע שפּאַרונעס,
ס׳איז אונדזער חדר אַן אָנגעשטעלטער
מיט אָנצאָליקע גרייטע טרונעס.

נישט אויף ניסים וואַרטן מיר,
וואָס זאָלן זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקן;
נישט אַ עמיצער וועט דורך האַלב געעפנטער טיר
צו אונדז אַ בעטלערשע האַנט אויסשטרעקן.

עס איז ביז ביין שוין אויסגעברענט
אַזאַ בייזער גורל אויף אונדזערע פּאָעטן ברידער;
ס׳גיסט זיך ווי וואַסער דורך די הענט
אַזעלכע הילפלאָזע, שיטערע לידער!

יאָ, ס׳איז ביי אונדז אומעטיק און שווער,
אַלע הענגען אויפן הינטן פון אַ צוגעפּוצטער פור.
ס׳ליגט שוין אַ פאַרטריקנטע די לעצטע טרער
אויפן לעצטן זייטל פון אונדזער אויסגעקאָלופּעטער ליטעראַטור.

ווי איבערגעזעגטע האָלץ, ליגן מיר פאַרדרייט —
מיט אַ שווערן, פאַרזשאַווערטן דראָט;
נישט צו נעמען — נישט צו געבן זיינען מיר גרייט
אין לעצטער גסיסה ליגט אונדזער בלוטלאָזער גאָט!

אָפּגעקראָכענע ווערטער שלעפּן זיך אונדז נאָך,
ווי ביי אַ הינטל דאָס שטיקל נישט דערהאַקטער עק.
עס זויערט אין אונדז אַן אייביקע וואָך,
מיר שלעפּן זיך אויסגעלאָשענע צו אַנישט־געזעענעם בדעג.

ניִשט כלי־זמר שפּילן, מ'טיילט ניִשט בראָנפן און טאָרט,
ניט מיט צוואונטשונגען ברעכן מיר טעלער;
אַ טייל פון אונדז פרעסן אָפּ דאָס פליִיש פון אידיש וואָרט,
אָ טייל זיינען געוואָרן פאַרטריקנטע לערער.

עס האָט נאָך קיינער קיין טיש ניִשט געגרייט,
ניִשט עמיצער וויל עפּעס פון אונדז מאָנען.
מיר אַליין האָבן אָנגעטאָן אַ פאַרשימלט יום־טוב קלייד,
פאַר אַ חתונה וואו מיר זיינען ניִשט קיין מחותנים.

— — — — — — — — — — — — — —

אַלע מאָרגנס ליגן דערוואָרגן —
עס שטייט אַ גרייטער אַ טויטן־וואָגן.
נאָר דער לעצטער מאָהיקאַנער טרינקט יעדן פרימאָרגן
הייסע וואַסער פאַר זיין געזיקן מאָגן.

איז אַדיע־אַדיע און וויוואַט —
מיין האַרציקע אידישע ליטעראַטור;
עס פאַלט שוין אַ לעצטע בלאַט
אויף אונדזער לעצטער גרויער האָר!

נאַכט איז טויט

כ׳האָב איצט אויפגעריסן דעם מויל פון פרימאָרגן
און האָב זיך ווילד צעלאַכט;
ווי מאָדנע, דאָס האָב איך עס טאָקע דערוואָרגן
אַליין די שפּיזיקע נאַכט?

דערוואָרגן טאָקע אינגאַנצן
און די הענט זיינען רייַן פון בלוט.
ווי מאָדנע, כ׳וועל זיך עס צעטאַנצן
מיט ווילדן שטעכיקן גלוט.

כ׳וועל לויפן אַלעמען אָנזאָגן
אַז פרימאָרגן האָט דאָס מויל אויפגעמאַכט;
אַז באַלד וועט אָנהייבן טאָגן
ווייל איך האָב דערוואָרגן די נאַכט.

אָ, אָ, דעם גוף האָב איך דאָ געבראַכט
ס׳זאָלן אים אַלע זען;
אַז דאָס האָב איך די נאַכט אומגעבראַכט
כאָטש איך ווייס ניט ווי אַזוי ס׳איז געשען.

און עס הייבן זיך אָן באַוועגן מחנות אָן אַ צאָל
פון אונדזערע אייגענע לייט,
און טאָג זאָגט אָן מיט קלאָרן קול
אַז מיר זיינען פון נאַכט שוין באַפרייט!

בלייבן אַלע וואַרטן גרייט
מיט צעצונדענעם מוט;
אָ, ס׳איז די נאַכט שוין טויט
און מיינע הענט זיינען רייַן פון בלוט!

פערטע אַפּטיילונג

שטילקייט פון נאַכט

אין שטילקייט פון נאַכט

מיין פאָטער

א

אין שטילקייט פון נאַכט —
בעט איך צו דיר מיין גאָט;
מיין האַרץ איז אָנגעלאָדן מיט וויי,
דעם צער פון דורות האָב איך צו דיר געבראַכט
דעם צער פון יעדן טראָט
וואָס איז געבוירן מיט זיי.

נעם אויף מיין תפילה
וואָס קומט פון מיינע טיפע טיפענעשן:
די תפילה וואָס מיין זיידע האָט מיר ירושה איבערגעלאָזן.
מיט ווערטער שטילע
וועל איך דיין צאָרן לעשן
אין גרויס בטחון וועל איך זיך אויף דיר פאַרלאָזן:

ס'איז גרויס דיין וועלט
און וואונדערליך איר געשטאַלט —
יעדער איינער געפינט אַ שטיקל ערד פאַר זיין געצעלט,
נאָר פאַר אונדז איז אַלץ פאַרשטעלט,
דו באַהאַלסט אַפילו דאָס ביסל ליכט
פון אונדז, אין דיין גרויסער וועלט!

ב

די נאַכט איז הייליק.
די נאַכט איז אין וואונדער איינגעהילט.
שטערן מיט שטערן שפיגלען זיך איינער אין צווייטן אָפּ.
שטערן מיט שטערן האָבן שטיפעריש זיך פאַרשפילט:

עפּן אויף טיר און טויערן פון דיינע הימלען,
הער צו אונדזער צער — ס'איז בייז אונדזער חלק
וואָס דו האָסט אונדז איינגעטיילט.
דאָ אויף דיין זינדיקער ערד.

עפּן אויף דיינע הימלען
קוק אויף אונדז אַראָפּ!
דער שונא האָט זיין צאָרן נישט איינגעשטילט.
ער זאַמלט זיך אויף אונדז פון אַלע ווינקלען;
עס טוט זיין צאָרן און אויג ניט דרימלען.
איבער אונדזערע קינדער, איבער אונדזער קאָפּ
הענגט אָנגערייצט זיין הונגעריקע שווערד,

גאָט, צי ווילסטו דען אונדז פאַרטיליקן?

ווער וועט דען בעטן צו דיר אין שטילקייט פון נאַכט?
ווער וועט טראָגן דיין וואָרט
פון פאָלק צו פאָלק?
דיין הויז וועט דאָך בלייבן פאַרשוועכט,
אויף יעדן וועט זיין איינגעקריצט
דער כח פון שווערד;
דיין נאָמען — דיין אייגן נאָמען וועט פאַרגיין
מיט אונדזער לעצטן געשריי — דאָ אויף דער ערד!

איך בעט צו דיר אין שטילקייט פון נאַכט,
ווי מיינע זיידעס האָבן געבעטן צו דיר אַמאָל.
דו ביסט דאָך גאָט, דו ביסט דאָך אויפדערוואַך —
און נאָנט דאַרף דיר זיין, דאָס געבעט פון מיין קול.

און נאָנט דאַרף דיר זיין מיין יעדער טרער,
וואָס דו האָסט פאַר מיר אין גלות באַשערט.
און וואַך און גרייט דאַרף זיין דיין געהער:
דער שונא האָט מיט רשעות אונדז שוין באַלד פאַרצערט!

מיר היטן פרעמדע פעלדער

איטשקע אייבעלסאָן

ס'איז נאַכט, מיר היטן פרעמדע פעלדער —
נאָר קינדער אונדזערע בלייבן אומבאַשיצט.
אין פאַרלוירנקייט טרויערן געוועלבער,
שרעק און אונטערגאַנג איז אויף פּנימער אויסגעקריצט.

ווער קען עס ענטפערן — וואו און פאַר וועמען —
מיר ווען עס דאַרפן אונדזערע לעבנס איינשטעלן?
ס'וועלן די לעצטע שעה'ן אונדזערע פאַרשעמען,
ווען אויף אַן ענטפער וועלן אונדז ווערטער פעלן.

מיר ווייסן ניט וואָס ס'וועט אונדז ברייגען דער מאָרגן —
וואו און וועלכער הימל ס'וועט אונדזערע קעפּ באַדעקן?
אין יעדנס שמייכל — אין יעדנס וואָרט ליגט פאַרבאָרגן
פאַר אונדז די קללה פון טויזנטער שרעקן.

אַלע גרענעצן זיינען פאַר אונדז פאַרשלאָסן,
מיליאָנען רשעות'דיקע אויגן טוען אויף אונדז קוקן;
גאָט'ס צאָרן האָט זיך אויף אונדז אויסגעגאָסן —
דער שונא גרייט זיך אונדז אינגאַנצן צו פאַרצוקן.

אַלע אויסגעפּוצטע געביידן, מויערן און שטעט,
וואָס מיר האָבן מיט ליבע אויפגעבויט.
זיינען פון רשע'ים געוואָרן פאַרשפּעט
און מיט ווילדן חוזק שפּאַצירט אַרום טויט.

איך בין גרייט

א

אומרואיקע נעכט ברייגגען בשורות,
עס גיסט זיך ווילדע שנאה אויף דער וועלט.
בלוטיקער צער יאָגט פון שוואַרצע שורות —
שוואַרצע שורות אין גלייכע ליניעס אויסגעשטעלט.

אין ליניעס גלייכע, ווי פאַרגליווערטע סאָלדאַטן,
האָב איך אויך מיין שנאה אַוועקגעשטעלט.
איך, מיין זון, צוזאַמען מיט מיין טאַטן
טראָגן צו אונדזער חלק צו דער וועלט.

ב

אויף איר וויסטן הויקער טראָגט די צייט
די ליבע וואָס מיר האָבן פאַרשפּרייט.
אין אַלע ווינקלען וואַלגערן זיך פאַרשפּייט
אַלע אונדזערע אויפגעפלאַמטע רייד.

אַלע אונדזערע רייד פון טויזנטער יאָרן
וואָס האָט זיך נאָך אָנגעהויבן אין אברהם׳ס געצעלט;
וואָס איז איצט פון דעם געוואָרן?
אַ הילפלאָזער יוזל הייגגט אויף דער וועלט!

פון וועמען ווילן מיר עס ליבע מאָנען
ווי אַזוי קען די ליבע האָבן אַ ווערט,
ביי די אַלע אייביקע יוונים
וואָס לעבן שטענדיק מיט דער שווערד?

ג

טויט זיינען אַלע געטער.
נאָר אין פרימאָרגן אויפקום ווער איך באַהעלט;
איך קום איצט אַ שפּעטער
צוריק צו מיין גאָט'ס געצעלט.

ביי אים וועל איך פאַרגעבונג בעטן
פאַר די יאָרן וואָס איך האָב אָפּגעפרעמדט.
מיט הוילע פיס וועל איך טרעטן
אין זיין געצעלט פאַרשעמט.

אין מיין פאַרשעמטקייט וועט אויפגיין אַ פרייד
וואָס איז שוין לאַנג מיט מיר ניט געווען;
מיט טאַנץ וועל איך זיך מאַכן גרייט
צו אויפגיין אויף קידוש השם!

די וואָך זאָל ניט ווערן פאַרשטערט

א

דורך שויבן קוקט אַריין וואָך:
זאָרג האָט זיך פאַרקנייטשט אויף יעדנס שטערן.
אויף אַקסלען ליגט פאַרוויקלט דער יאָך.
איבערן שטוב טראָגט זיך דער מאַמעס קול אין טרערן:

— גאָט פון אברהם פון יצחק פון יאַנקעוו —
דער ליבער שבת קודש גייט דאָך אַוועק.
עס זאָלן כאָטש דיינע אָרעמע שאָף
איבער דער וואָך איבערקומען אָן שרעק.

— אָ, ליבער גאָט, נעם ניט פאַר אומגוט
אפשר בין איך, דיין דינסט, ניט גערעכט;
זע עס זאָל זיך נישט גיסן אידיש בלוט —
די וואָך זאָל אונדז ניט ווערן פאַרשטערט!

ב

— פאַר ווען מאַמע האָסטו מורא?
פאַר וואָס ווערגן טרערן דיין קול?
— אָ, מיין זון ס׳איז אַן עבירה
אפילו גאָר טראַכטן צומאָל.

— פאַר וואָס וויינען אידן,
ווען דער שבת גייט נאָר אַוועק?
— מן־הסתם האָט גאָט פאַרשריבן,
אַז וואָך זאָל אונדז אָנזאָגן שרעק.

מיר זיינען אידן געבאָרן
נאָר פון גאָט האָבן מיר זיך אָפּגעווענדט,
האָט ער, אין גרויסן צאָרן,
אונדז פאַרוואָרפן אין דער פרעמד.

גערעכט איז געוויס גאָט'ס ווילן,
אַ איד דאַרף אָננעמען זיין שכר,
וועל איך מיט טרערן זיין צאָרן שטילן,
אפשר וועט ער צערייסן דעם גזר!

ג

גרינג און לויטער וועלן זיין די טעג,
ווען דו וועסט צו גאָט דינען,
פיר דיין טראָט אויף יענעם וועג,
דאָרטן וועסטו רו געפינען.

זאָג דעם פרעמדן אַ גוט־מאָרגן,
אפילו ער ענטפערט דיר מיט שפּאָט,
גוט איז דעם, וואָס קען טראָגן —
צו גאָט'ס הויז זיין טראָט!

אַ פּחד הענגט

א

פון אַ ווינקל הימל, גייט אויף דער טאָג אין רויט,
גאָט׳ס וועלט האָט די אויגן אויפגעמאַכט.
פרימאָרגן שמעקט מיט גערוך פון ברויט,
אין לעצטן פאַרנויג שטאַרבט אַוועק די נאַכט.

אין שטוב, אין פעלד, האָבן מענטשן אויפגעבונדן
דעם כח וואָס איז געלעגן אין שלאָף פאַרשמידט.
די לבנה וואַשט צום לעצטן מאָל אירע וואונדן —
און נעמט די שרעק פון נאַכט מיט זיך מיט.

די ערד אַ פאַרפּוצטע מאַכט זיך גרייט
אויפצונעמען מיט ליבע דעם שטאָלצן יעגער;
ס׳האָט טאָג דעם מענטשן איינגעשפּאַנט פאַר ברויט,
פאַר זיכערקייט, רו, און אַ געלעגער.

ב

איבער אַלעמענס קעפּ אַ פּחד הענגט.
אויף אַ שוואַרצן צלם איז אַ יוזל צוגעשמידט.
אַ פויערל האָט נאָך ליבע זיך פאַרבענקט,
האָט ער אַ הילפלאָזער פאַרן צלם געקניט.

— אָ, יעזוס, מיין רעטער, מיין גרויסער האַר,
נאָר אונדז איז באַשערט פון דיין ליבע געניסן.
איך וויל אָ, פאָטערל, אַז פון מיין גרויסן צער
זאָלסטו נאָר אַליין זיך אַצינדער דערוויסן.

אַ גאַנצן לעבן האָב איך געהאָפט,
צו פעלקער און לענדער דײַן ליבע פאַרשפּרייטן;
די וואָס האָבן ניט געפאָלגט האָב איך באַשטראָפט
ס׳האָט זיי די שאַרף פון מײַן שווערד געטאָן טויטן.

ג

וואו לויפן עס אידעלעך אַזוי מיט שרעק
אין דער נאַכטיקער שעה, דער שפּעטער,
— דאָס זיינען איצט די גויים אַוועק
אין קלויסטער צו זייער גאָט בעטן.

פאַרבאַהאַלט דײַנע קינדער, דײַן האָב און גוטס —
ס׳איז די שווערד געצויגן פון שייד.
ס׳טראָגן די גויים באַלד אַרויס מיט פּוץ
יעזוסעס הייליקע רייד!

ד

קאַנאָנען און שרעק זײַנען צעשטעלט
פון אַ פּלאַטפאָרמע עמיץ שרייט;
אַז יעזוס אַליין האָט עס די וועלט
פון דער ווילדער שנאה באַפרייט.

לעם אים אויף יעדער פּיצל ערד,
ליגן גע׳שוחט׳ענע גופים געשענדעט;
יעזוס און מאַרקס טרויערן אין די בערד
— אונדזערע לערעס אין גויישע הענט!

דער גלח רעדט

א

דער גלח רעדט פון דער בימה,
אין קלויסטער שטיקט געררוך פון שטאָל.
איבער קעפּ טראָגט זיך זיין שטימע,
די עכאָ ענטפערט מיט גאל.

די גויים פאַלן אויף די קני —
זייער שטומקייט שרייט מיט געבעט.
אויערן ציען זיך מיט מי —
צו הערן וואָס דער גלח רעדט.

אין העלדזער אָנגעשטרענגטע
בלייבן שטעקן סם׳יקע רייד;
ווערטער פאַרקרענקטע
פירן צו אידישע איינגעווייד.

ב

גאָט, האַלט אונדז צוזאַמען,
אויף אונדזערע הענט טראָגן מיר דיין נסיון.
מיר האָבן אין צער אונדזערן פאַרשטאַנען
אַז מיר וועלן בייקומען די בייזע שעה׳ן.

דו ווילסט דאָס אַזוי אויספּרובירן
צי דיינע קינדער זיינען פון דיר ניט אַוועק,
טוסטו דערפאַר אונדז איצט פירן
איבער וועגן פון גרויליקן שרעק.

ווילסט עס זאָל פייניקן אונדזער גוף
דער פרעמדער מיט זיין סם׳יקער שנאה;
אָ, גאָט, ווי ליב איז דיין שטראָף —
ווי לויטער עס ליכטיקט דיין שטימע.

ג

עס קומען מחנות גויים אָן
דער גלח גייט פאָרויס,
יעזוס ווערט געטראָגן אויף אַ גילדערנעם טראָן,
מיט שיסלען שנאה אין זיין שויס.

עס טראָגן זיך אויגן מיט גלי
צו אידישע הייזער אַוועק:
קלויסטער קלאַנגען אין געפלי
שפרייטן אויף אידן שרעק.

פון אַלע גאַסן שפּאַרט געפּאַר,
געוויין טראָגט צו גאָט אַ געבעט.
פון אויגן גליווערט שוואַרצער צער —
ס׳האָט היינט דער גלח גערעדט!

אימה איבער גאַסן

א

אין בלוט גייען אויס פאַרנאַכטן,
זיגעריש קומט נאַכט פון געשלעג.
מאַמעס פאַרפייניקטע טראַכטן;
— וואו נעמט מען די קינדער אַוועק?

אימה צינדט זיך איבער גאַסן,
מיט שרעק איז פאַרגאָסן — יעדער אידיש הויז.
דער שונא איז היינט ניט אויף שפּאַסן —
אין מחנות גאַנצע איבער שטעטל אַרויס.

באַרג אַרונטער קומען זיי מיט פאָנען,
ס׳ציען זיך צום קלויסטער זייערע טריט;
דאָס גרייטן זיי זיך ניט צו שוינען
דאָס בלוט פון לעצטן איד.

ב

הינטער טיר און ריגל פאַרשמידט
איז יעדער אידיש הויז אַצינד.
אין פּחד יאָגט זיך אַ איד
מיט פאַלעס צעווייטע פון ווינט.

ער יאָגט זיך ניט ווייסנדיק וואו,
זיין לעבן אויף שונא׳ס בארעט:
ער האָט אין דער שפּעטער שעה,
פאַרבראַכט אין געבעט צו זיין גאָט.

ג

אויף קינדערשע קעפּ האָט זיך באַוועגט
אַ צאַרטע טרייסטנדיקע האַנט,
אַ קינדערש קול האָט געפרעגט;
פאַר וואָס האָבן די גוים אונדז פיינט?

פאַר וואָס מוזן עס גוים שטילן
זייער צאָרן אין אידיש בלוט?
מאַמעס האָבן געזוכט קינדער פאַרשפּילן —
אימה האָט איינגעוויקלט די שטאָט.

ד

— מענטשן זיינען בייז מיין קינד,
ס'לעבט זיך זיי שלעכט אויף דער ערד,
קומען זיי אָפּ פאַר זייערע זינד —
אַזוי האָט דאָס גאָט באַשערט.

זיי לעבן אויף שרעק פון שווערד,
זייער אויג ווייסט ניט די פרייד פון זעט;
עס ווערן אין צאָרן פאַרצערט
זייערע אייגענע לענדער און שטעט.

אָפּגעמעקט מיין נאָמען

א

פון מיין אָטעם טראָגט זיך טרויער,
נאַכט פּילט אַן מיין הויז מיט שרעק.
איך אַליין,ביים שוועל פון טויער,
האָב מיין נאָמען אָפּגעמעקט.

איך וויל מען זאָל זיך ניט דערוויסן —
פון יענעם זייט טויער, ווי איך הייס.
אַליין האָב איך געטאָן פאַרשליסן
טיר און פענצטער פון מיין הויז.

איך האָב געטאָן פון זיך אָפּטיילן
מיינע גערעכענישן פון אַמאָל.
איך וויל פאַר קיינעם ניט דערציילן
ווי עס ווערגט אויף מיר אַן עול.

אַן עול וואָס שטראָפט און האַלט אין מאָנען,
און לאָזט ניט אין רו מיין געביין;
עס וואַלגערט אין ערגעץ אַרום זיך מיין נאָמען,
ווייט אַוועק פון מיין צעבראָכענער היים.

איך קען איצט שוין ניט אָפּשטעלן
די קללה וואָס שטראָפט מיך פאַר מיינע זינד,
שוין יאָרן אַז עס טוט מיך קוועלן
הונגעריקער וואָי פון טויזנט הינט.

טאַטע, מאַמע, האָב איך פאַרשעמט,
כ׳האָב ביי זיי ניט אָנגעפרעגט;
איצט האָב איך מיט אייגענע הענט
מיין וויסטן נאָמען אָפּגעמעקט.

ב

גאָט׳ס גזר איז אויף מיר געווענדט,
פלאַנטער שלעפּט זיך נאָך פון מיין וויגל.
כ׳האָב אַליין זיך היינט פאַרשעמט
ווען עס האָט מיין פנים זיך דערזען אין שפּיגל.

אַ פּנים אַזאַ ווילד—צעקרימטער —
און אויגן פאַרוואָשן אין שטיקער בלוט,
און עמיץ שטייט א הינטער —
אָנגעגרייט מיט גיפטיקער רוט.

מיין גוף קען קיין רו ניט געפינען,
פון אויג איז אָפּגעטאָן די אויסלייז פון שלאָף.
כ׳האָב אין פלאָנטער זיך געטאָן פאַרשפּינען,
איצט וואַרט אויף מיר מיין שטראָף.

די שטראָף איז האַרב און ברענט מיט צאָרן,
שווערער פון אַלץ איז צעשויבערטע שרעק:
ס׳איז ביי מיר אַ קינד, אַ קינד פאַרלאָרן —
זי איז מיטן שונא׳ס מחנות אַוועק.

ג

פון אַלע זייטן — די שטאָט ברענט,
פאַרלוירענע אידן ברעכן מיט די הענט.

אָנגעגליטע קולות פון ווילדן המון —
זיינען אין אידישע הייזער געקומען צוגיין.

האָב און גוטס — צעטראָטן — פאַרוויסט.
דער זיג באַלאַנגט היינט צום „ליבן" קריסט,

ער טיילט עס היינט אויס די שטראָף;
ס׳צאַפּלט אַ איד זיך ווי אַ געקוילעטע עוף.

וואָס קענען אידן איצט טאָן?
ס׳קומען נייע מחנות אָן,

מיט שווערד, מיט מעסער און מיט העק,
אויף אַקסלען ליגן, פאַר רויב, פאַרוואָרפן זעק.

די זון גייט אויף, די זון טוט פאַרגייןן,
פאַרוויקלט אין טרויער, אין אידיש געוויין;

מאָרד און געלעכטער צוזאַמען געשפאַנט,
אַ איד ווי אַ יעזוס הענגט אויף אַ וואַנט.

מאַמעס פרואוון קינדער פאַרוויגן,
דער איד אויפן וואַנט פאַרגייט זיך אין אַ ניגון;

— גרויסער גאָט, מיר זיינען דיינע קנעכט,
דו ביסט אייביק, דו ביסט גערעכט!

ד

דער אשמדי איז היינט ביי מיר געווען,
אָ, גרויסער גאָט, מאַך מיך בלינד!
ער האָט מיר געוויזן, כ׳האָב אַליין געזען
ווי פאָרויס פון די גוים גייט מיין קינד.

זי פירט זיי פאָרויס מיט ווילדן געזאַנג,
ווי אַ שאַרפע שפיז וויגט זיך איר צאָפּ;
פאָרויס ווי אַ פאָן טראָגט זי איר פאַנג —
אַ פאַרבלוטיקט אידישן קאָפּ.

לעם איר אַ פאַרשייטע טראָגט זיך געשווינד
איר מאַמע, אין ווילדן גאַלאָפּ;
אָ, גרויסער גאָט, מאַך מיך בלינד
כ׳וועל מיט פרייד אָננעמען דיין שטראָף!

פון וואַנען?

א

פון וואַנען זשע קומסטו — פון וועלכן לאַנד
פאַר וואָס צינדט זיך שרעק אין דיינע אויגן?
— דאָס האָב איך זיך אין פליגלען איינגעשפּאַנט
און בין עס אַהערצו פאַרפלויגן.

איז פאַר וואָס זשע שטעלסטו זיך נישט אָפּ
אַז דו ביסט שוין אַהערצו געקומען?
— איך קען פון דער לופטן ניט קומען אַראָפּ,
מ׳האָט ביי מיר מיינע פיס צוגענומען.

איז וואָס וועסטו טאָן אין דער לופטן אַליין
ווען עס וועט זיך די נאַכט אָנרוקן?
— כ׳וועל הערן ווי זקנים גייען אויס אין געוויין,
ווען ס׳טוט זיי דער שונא פאַרצוקן!

ב

וואו טראָגסטו זיך אין געלויף אַזוי
פאַר וואָס קענסטו אין ערגעץ ניט זיצן?
ס׳מוז דאָך געוויס נאָך לעבן אַ גוי,
וואָס וועט דיך פון שלעכטס באַשיצן.

— ס׳האָט דער גוי איצט ניט קיין צייט
ער איז פאַרנומען מיט האַסן,
מיט האַק, שפּיז, שווערד ביי דער זייט
איז ער אַוועק איבער אידישע גאַסן.

ג

העלפט ראַטעוועט!
עס ברענען אונדזערע הייזער און שטעט!
בלוטיקע שנאה איבער גאַסן רינט,
אָפּגעווישט דאָס הויז-געזינד.

ד

מיכל, מיכל דו ווילדער שוויין!
וואָס וועסטו טאָן אַז קיין אידן וועלן מער ניט זיין,

און דו וועסט זיך דאַרפן אַליין אומדרייען אויף דער וועלט
איינגעגליווערט פון וויסטן אומעט און קעלט?

איצט האָסטו אַלץ צעשטערט,
איז וויסט דיר, אומעטיק און שלעכט.

כאַטש נעמען און שלאָגן קאָפּ אין וואַנט —
און באַגיין אַן אמת'ן ראַסן־שאַנד.

און פון ערגעץ זיך אויסטראַכטן אַ איד
כדי דאָס בלוט זאָל קענען געבן אַ זיד,

אַזוי ווי אין יענע גוטע צייטן
ווען ס'איז ווי אַן אָדלער געקומען צורייטן —

דער גרויסער באַפרייער פון פאָטערלאַנד
וואָס האָט דיך אויסגעלייזט פון ראַסן־שאַנד.

שווער איז דיר מיכל דיין צער צו טראָגן —
וועסט זיך באַלד מיט דיין ברודער אָנהויבן שלאָגן;

ווייל אומעטיק, אומעטיק איז אַלץ אויף דער וועלט
ווען איינע יודע פעלט.

קיינעמס לאַנד

א

די נאַכט איז גראָ, און איך בין גראָ —
און גראָ איז אַלץ אַרום.
אַ גראָער זייגער זאָגט אָן די שעה
סיי דאָ, סיי אומעטום.

עס קעלטערט אויף מיין טיש די טיי,
מיט גלוסט רייצט דאָס פריש־ברויט;
ס'איז בלויז פאַר מיר, ניט פאַר זיי
דאָס שטיקל ברויט געגרייט.

עס שפּאַרט זיך אַרום מיר די זעט
פון פעטן בויך און קאַרק;
אַ גלאַט פּאַרקאַמטע שטייט מיין בעט
מיט בעטגעוואַנט אַ באַרג.

זי שטייט און וואַרט מיט פרייד און רו,
מיט ריינקייט און מיט ווייב;
נאָר אַ געשריי קומט אָן פון וואו
וואָס נעמט אַדורך מיין לייב.

דאָס קול איז קלאָר, און שרייט דאָ גלייך
אַרויס צו מיר פון וואַנט:
אַ גרוס צו מיר, אַ גרוס צו אייך,
פון אונדזער אידיש — קיינעמס — לאַנד!

ב

די נאַכט, און מיר, אין איר אַריינגעוועבט,
צווישן אונדז און איר דער הימל בלויז.
געקוקט האָבן שטערן, און רוצחים האָבן אַרויסגעשלעפּט
דערשראָקענע קינד און קייט פון יעדע אידיש הויז.

טראַגעדיקע ווייבער, האָבן געטראָגן פאָרויס
דעם ערשטן אידישן געשריי — צו נאַקעט פעלד.
הינטער זיי אין פלאַמען אויפגעגאַנגען איז אַ יעדער אידיש הויז,
מיט גרוסן און באַגריסונגען צו דער גרויסער וועלט.

גוט־מאָרגן! און גוט־מאָרגן — דורך מיילער פון מאַשין־געווער.
אויף אידיש שרעק האָט זיך צערייצט אַ בייזער ווינט;
אַ איד האָט זיך ביים סוף פון שטאָט געזעגנט מיט אַ לעצטע טרער,
מיט אַמאָל גאָר, מזל טוב! מזל טוב! ס׳איז געבאָרן אַ אידיש קינד!

אַ אידיש קינד, אַ אידיש קינד! ביים גרענעץ פון ניט דאָ, ניט דאָרט,
האָט מיטן ערשטן קוק אין נאַכט באַנומען אַלץ מיט אַ פאַרשטאַנד.
עס טראָגט זיך דורכן טעלעגראַף אַ בלוטיק וואָרט;
זיי געגריסט — אונדזער אידיש — קיינעמס — לאַנד!

קיינעמס — לאַנד! דאָס קינד, זיין נאָמען: קיינער ניט.
שכנים קוקן דורך די פענצטער מיט פאַרקייכטן שפּאָט.
נאָר דאָס קינד ווייסט שוין דעם וויטיק פון זיין שניט —
דער וויטיק וואָס פאַרבינדט אַ איד מיט גאָט.

בירגער, בירגער, פון דעם אידישן קיינעמס — לאַנד
אויסגעצירטע, אויסגעפוצטע, מיט גויישקע מעדאַלן;
פאַר דעם פאָלק אין אייביקייט איינגעשפּאַנט —
אונדזער לאַנד, קיינעמס — לאַנד, קיינמאָל וועט ניט פאַלן.

ס׳איז ניט דאָ — ס׳איז ניט דאָרטן, מ׳קען ניט זאָגן וואו —
אין יעדן לאַנד אויף יעדער פּיצל ערד זיינען מיר אויסגעצויגן:
ס׳וועט די הילף פון שווערד די גויים ניט געבן קיין רו
כל זמן אַן איינציק אות אונדזערס וועט ברענען זייערע אויגן.

ג

צער איז ניט מער ווי אַ וואָרט,
נאָר מן הסתם איז דאָס אַ וואָרט וואָס ברענט אין מיינע בלוטן.
שוין טעג און נעכט, אַז איך קען זיך ניט געפינען קיין אָרט,
און איבער גאָסן טראָג איך מיין גוף אַ ניט אויסגערוטן.

איך קען אין קיינעמס פּנים ניט קוקן,
איך קען ניט הערן דעם געלעכטער פון זאַטע אידן;
פון אַלע ווינקלען דוכט זיך מיר, אַז רוצחים קומען אונדז פאַרצוקן
און ביי די זייטן שטייען גוים און זיינען צופרידן.

פאַרצווייפלונג זעגט מיין יעדן ביין,
דער רוצח איז אויפן רוקן פון ווינט געקומען צוריטן:
אָפּגעשניטן אַלע וועגן — וואו זשע וועלן מיר גיין,
און ווער קען אונדז אין דער שעה פון רוצח׳ס האַנט אָפּהיטן?

פון וואַנדער־וועג

א

דער וואַנדער וועג איז לאַנג און שווער געווען —
ביטערקייט האָט באַגלייט יעדער ביסל רויב.
מיט מורא זיינען מיר געלאָפן ווען ס׳האָבן זיך דערזען
פון אַ ווייטן ערגעץ, ליכטער אין אַ שויב.

אין עלענדקייט איז אייגן הויז פאַרבליבן
ווען מיר זיינען איבער וועלט אַוועק.
אויף שטיין, בערג, און פעלד איז פאַרשריבן
אונדזער פאַרגליווערטער וויסטער שרעק.

ברודער, נעם אָן מיין האַנט מיר וועלן זיך פירן.
אין בענקעניש וואַרט אויף אונדז גאָט׳ס הויז.
מיט פרייד שטייען פאַר אונדז אויפגעפּראַלטע טירן
גרייט אויפצונעמען זינדער בלויז.

מיר וועלן מיט גאָט׳ס וואָרט, צוריק אין גאַס אַרויס;
מיר וועלן מיט גאָט׳ס וואָרט, אין אַלע שלאַכטן זיגן:
צוריק מיין חבר, צוריק צום אַלטן קלויז —
צוריק צום קוואַל פון גמרא ניגון.

ב

וואָס איז טויט אין דער אייביקייט פון לעבן?
וואָס איז לעבן — ווען אַ גלויבן איז טויט?
וואָס זשע ווערט פון די יאָרן וואָס מען האָט געגעבן
פאַר אַ גלויבן פאַר וועלכן מ׳איז שטאַרבן געווען גרייט?

ווער זשע קען דעם סוד געפינען?
ווער זשע קען אויף דעם אַן ענטפער געבן?
ווער זשע קען דערקלערן דעם זינען,
פאַר וואָס ביסט גרייט געווען מקריב זיין דיין לעבן?

ג

אַן אויסגעוואַשענער הענגט איבער אונדז דער באַגינען
איך קער זיך אום אין גאַנצן אָפּגענאַרט.
מיין וועג צוריק — צוריק וועל איך געפינען,
איך האָב שוין געגעבן דעם לעצטן קוש דער נאַכט.

פון לאַנגן וועג קום איך ניט קיין מידער.
געגעבן האָב איך שוין דעם לעצטן ריס:
אַדיע איך, מיינע געוועזענע ברידער —
איך קום זיך זעצן צו מיין זיידנס טיש!

מיין זיידע רעדט צו מיר

א

כ׳האָב שלום געזאָגט צו מיין זיידן
און אים געגעבן מיין האַנט;
מיר וויגן צום טאַקט פון אונדזער ריידן —
דעם שאָטן לעבן אונדז אויפן וואַנט.

עס וויגט זיך צוזאַמען מיט ווערטער,
מיין זיידנס מילד־גרויע באָרד.
מיין זיידע ווייסט ניט וואָס מיינט שלעכטער
און וואָס ס׳איז אַזוינס מאָרד.

ער קען די באַדייטונג ניט באַנעמען,
דאָס איז ניט קיין אידישע זאַך:
ווי אַזוי קען גאָר אַ איד פאַרשעמען
מיט אַזעלכע ווערטער זיין שפּראַך.

אַ איד דאַרף נאָר האָבן בטחון
אין דעם וואָס לעבט אייביק מיט אים.
גרויס איז יענעמס נצחון,
וואָס האָט נאָר געהערט זיין שטים.

די שטים וואָס פירט אונדז אַלע יאָרן
דורך פרייד, דורך גלויבן, דורך גרויל;
די שטים פון ברענענדן דאָרן,
וואָס משה האָט געהערט פון זיין מויל.

ב

מיין קינד, שטויב אָפּ דיין קלייד
ס׳איז שווער און מיד דיין קול.
דאָס איז אַוודאי פון די גוישע רייד,
וואָס דו האָסט גערעדט אַמאָל.

דו האָסט געבלאָנדזשעט מיט דײַנע טריט
פֿון דײַן אײגענעם שטאַם;
נאָר פֿאַר דיר האָבן זיך געמיט
מײַנע אבות מן הסתם.

זײ האָבן עס דיך צוריקגעבראַכט
פֿון דער פֿרעמדער װעלט אַרױס.
קום מײַן קינד, עס שטײט און װאַרט
פֿאַר דיר אַ װינקל, אין גאָט'ס הױז.

ג

— עס הױבט שױן אָן צו טאָגן
איך גײ צוריק אין אײביקן באַגין.
װאָס זאָל איך מײַן טאַטן זאָגן;
דו ביסט דאָך אַ נאָמען נאָך אים?

— ער איז אַ צדיק געװעזן בײַם לעבן
און אַ גרױסער לערנער דערצו.
צי װעסטו אים איצטער געבן
אין זײַן הײליקן קבר רו?

אָ זײדע, לאָמיר זיך צוקושן
אין שבועה גיב איך מײַנע הענט;
גיב איבער דײַן טאַטן די גרוסן —
זאָג אים: זײַן נאָמען װעט ניט װערן פֿאַרשעמט!

מיין זיידנס רייד

א

— מיין קינד, לאָמיך דיך אָננעמען ביים האַנט.
ביסט מיד, פאַרפייניקט און קראַנק.
ס'איז דיין האַרץ פון האַס פאַר'סם'ט
אַ בייזער צאָרן וואוינט אין דיין געדאַנק.

טאָ קום מיט מיר, גיי נאָך מיין טראָט.
אַ איד האָט ניט פאַר וואָס זיך יאָגן אין געלאַף.
אין יעדן ריר, אין יעדן אָטעם לעבט אונדזער גאָט
און אין פרימאָרגן דער וואונדער פון זיין באַשאַף.

— וואַש איין דיין פנים אין פרימאָרגן־טוי;
מאַך אַ ברכה אויף דיין זאַלץ מיט ברויט:
מיין זון, די שנאה איז אַן עסק פאַר אַ גוי —
די שנאה איז אַ הונט אָפּגעבונדן פון קייט.

דיין אָרט איז ניט אין ווילדן יאריד
און ניט קיין בייז דאַרף בארירן דיין מויל;
אַ איד דאַרף קענען לעבן ווי אַ איד —
און שטאַרבן מיט שמע ישראל!

ב

מיין זיידנס אויגן ליכטיקן אין דער נאַכט.
אין שטילער חכמה איז פאַרטיפט זיין וואָרט.
איך האָב צו אים אַלע מיינע קינדער געבראַכט
און יעדער פאַרנעמט ביי זיין טיש אַן אָרט.

דער זיידע האָט זיי אַלע דערקענט;
כאָטש וועלטן גאַנצע האָבן זיי אָפּגעטיילט.
אין פרייד האָבן אויפגעשיינט די ווענט,
ווען עס האָט דער זיידע אַ מעשה פאַרציילט.

אַ מעשה ניט פון קיין העלדישע לעגיאָנען
וואָס נעמען איין די וועלט מיט שאַרף פון שווערד.
אַ מעשה ניט פון קיין זיגערישע פאָנען
וואָס האָבן זיך מיט שטאָלץ פאַרפעסטיקט אויף דער ערד.

דעם זיידנס קול צינדט מיט בטחון,
ער פירט אונדז ווייט אַוועק פון דער בייזער וועלט.
פון מינוטן ווערן אָנגעקליבן וואָכן —
פון וואָכן ווערן דורות אויפגעשטעלט.

פאַר דורות איז געוואָרן אָנגעשריבן
יעדן איינעמס לעבן דאָ אויף דער ערד:
אונדז האָט גאָט פאַר זיך אויסגעקליבן —
זיי האָט ער געגעבן דעם צאָרן פון שווערד.

קענען זיי ביז איצט ניט פאַרגעבן
פאַר וואָס גאָט האָט פאַר אונדז אַנטפּלעקט,
דעם גרויסן סוד פון אייביק לעבן —
וואָס קען ניט ווערן אָפּגעמעקט.

ג

פון דער קרומקייט קום איך איצט אַ גלייכער,
איך בין שוין פריי פון פרעמדע רייד;
צו וועלטס פנים ליגן אויפגעשניטענע אידישע בייכער
מיט מאָרד, מיט בלוט, מיט אינגעווייד.

איך וויל פון קיינעם איצט ניט מאָנען.
מיין וועג צו גאָט ליגט שוין גרייט:
מיט פרימאָרגן־טוי וואַש איך מיין פנים
און עס מיט ברכה מיין זאַלץ און ברויט!

מיין זיידנס בטחון

א

אַזוי פיל יאָרן שוין אָפּגעלאָפן,
ס׳איז שווער עס ביז איצט צו פאַרגעסן,
ווען מיין זיידע אנשטאָט שלאָפן,
איז יענע נאַכט אין בית המדרש געזעסן.

ווייַנען אום שבת איז פאַר אידן אַ פאַרבאָט,
אַפילו ווען פון אַ קינד איז די נשמה פאַרפלויגן;
ס׳האָט דער זיידע מיט שירה צו גאָט
אין בטחון געווענדעט זיינע אויגן.

— אָ, גוטער גאָט, מיין אויג איז וואַך,
קיין צער קען מיין בטחון צו דיר פאַרבייטן;
יהוה נתן — יהוה לקח,
געבענטשט זאָל זיין דיין נאָמען פאַר אַלע צייטן!

ב

מיין זון, מיין זון, וואָס איז געשען?
האָסט דיין אידישן נאָמען פאַרביטן!
מיינסטו טאַקע אַז צוליב דעם
האָט דער צאָרן פון שונא דיך אויסגעמיטן?

איז זאָג זשע מיר פאַר וועמען
ווילסטו עס אויס איד ווערן?
ס׳וועט דער שונא דיך דערקענען
נישט געשטילט איז נאָך זיין צאָרן!

ג

אַלע קומען מיר שוין צוריק
מיט גלויבן צו דיר געווענדט.
דער שונא פייערט זיין ווילדן זיג,
ער האָט אונדזער נאָמען געשענדט.

מיר האָבן אין דער גרויסער וועלט,
פאַרגעסן אָן דיר, אָן דיין געבאָט.
איצט קומען מיר צו דיין געצעלט
אויף יענער זייט טויער פון שטאָט!

די ברכה מיט אונדז

מיט אונדז איז די ברכה פון זון און הימל,
וואָס גאָט האָט אונדז מיט ליבע געשיינקט.
ציכטיק אויסגעפוצטע פאַרטאָגן,
נאָך ווען מיר האָבן יאָרן געבענקט
קומען אויפגעוועקטע פון דרימל,
אונדז גוטע בשורות אָנזאָגן.

זיי ברענגען אונז גרוסן ווייטע
פון דורות וואָס האָבן גאָט געדינט,
און דעם בטחון ניט פאַרלאָרן;
גאָט האָט זיי פאַר זיינע קינדער באַשטימט
און זיי זיינען גרייטע זיינע קינדער געוואָרן.
זיי האָבן גאָט געבענטשט:

פאַר יעדער ביסל וואַסער, פאַר יעדן שטיקל ברויט,
זיי האָבן גאָט געבענטשט:
פאַר דער פרישקייט פון פרימאָרגן.
יעדער אָטעם, — יעדער וואָרט האָט געקוועלט מיט פרייד,
ס'איז גאָט געווען אין יעדן מענטש
און אין אַלע זיינע טואונגען פאַרבאָרגן.

מיר נעמען אויף די ווייטע גרוסן,
און טראָגן אונדזערע האָפענונגען צו גאָט,
ער וועט אונדז פון דער שווערער צייט אויסלייזן;
אַנטקעגן אונדז קומען זיידעס זיך צעקושן
און אָפּהיטן אונדזער טראָט —
מיר זאָלן ניט גיין אויפן וועג דעם בייזן.

פינפטע אָפּטיילונג

דער מאָרגן איז אייביק

מיינע זין: דוד, מאָטל, יעקב בונים

אַלע בתי מדרשים אָפּגעברענט,
נאָר צו גאָט בעטן וועלן מיר נאָך אַ ווינקל געפינען:
אונדזער גורל ליגט ניט אין רוצח׳ם הענט —
ער אַליין וועט, פון זיין גיפטיק שווערד ניט אַנטרינען.

מיר האָבן ניט קיין שווערד;
גאָט׳ם פייערדיקע אותיות האָבן מיר אויסגעקליבן:
מיר זיינען אייביק, אייביק דאָ אויף דער ערד,
ווייל גאָט איז אייביק, אַזוי איז מיט בלוט פאַרשריבן!

דער מאָרגן איז אייביק

דער מאָרגן איז אייביק.
מיר זיינען אַריינגעוועבט אין דער אייביקייט.
מיר זיינען די איינציקע וואָס קענען זאָגן —
אייביק!

אַרום אונדז רייט
דער האַלטער פון שטריק:

דער באַפעלער פון שאָס:

דער ניט גלויביקער אין מאָרגן:

דער וואָס האָט אָן אַ פאַרוואָס
אונדז געטאָן צו פאַרזאָרגן —

מיט דער אייביקייט פון פייער:

מיט דער אייביקייט פון שווערד:

מיט דער אייביקייט אונדזערער
דאָ אויף דער ערד!

דער מאָרגן איז אייביק!

דער מאָרגן איז אין סודות איינגעוועבט.
און מיר וואָס זיינען אייביק
ווערן אין געוועב איינגעשפּעט.

אַריינגעשפּאָט, אַריינגעקאַלכט,
אַ ביסל אַש וואָס ווערט אַ פאַרבלאָז.
אָן ענטפער פאַר מיין שוועסטער וואָס טראַכט —
און וויל פון מיר וויסן דעם סוד; פאַר וואָס?

אַ, שוועסטער מיין, שוועסטער איינציק,
דיין פראַגע האָט ניט קיין באַדייט —
געדענקסטו שוועסטער, ביי דיין וויג
האָט די מאַמע דורך לידער אויסגעמיידט.

דיך צו פאַרוויגן מיט געזאַנגען
וואָס לויבן בלוט און שווערד
זי האָט אין איר אידיש ליד, מיט באַנגען,
דיר דערציילט ווי גאָט איז פאַרשוועכט.

דו פרעגסט פאַרוואָס, אַ, שוועסטער מיין,
דו פרעגסט פאַרוואָס מען האָט אונדז פיינט?
וואָס קען מיין ענטפער צו דיר זיין
ווי קען דאָס ווערן פאַר דיר קלאָר באַשיינט.

באַשיינט מיט אָטעם פון די לידער
וואָס די מאַמע פלעגט פאַר אונדז זינגען;
פאַרוועבט מיט די געבעטן פון סידור
וועלכע מיר פלעגן פאַרגאַפטע שלינגען.

פאַרוועבט מיט די מעשיות וואָס זי האָט דערציילט
פון אידישן ווייטיק און פיין —
און ווי גאָט האָט אונדז אויסגעוויילט
מיר זאָלן זיינע קינדער זיין.

מיר זיינען די קינדער געוואָרן
פון אייביקן גאָט אויף דער וועלט —
נאָר ער האָט, אין זיין ליבע און צאָרן,
אונדז צו געפאַרן אויסגעשטעלט.

מיר האָבן דער מאַמעס רייד אויפגענומען
און מיט זיי אַרויס אויף דער וועלט.
מיר זיינען מיט זיי געקומען
צו אַ ערשטן אידנס געצעלט.

זאָגן מיר אַזוי צום אידן:
גוט מאָרגן — גוט יאָר!
ענטפערט ער: איך בין צופרידן
וואָס ס'זיינען דאָ אידן אַ פּאָר.

— וואָס־זשע וועלן טאָן אידן,
וואָס זיינען געוואָרן אַ פּאָר?
— מיר וועלן זיצן און זיך וויגן
און וואַרטן אויף אַ גוט יאָר.

ווי זשע קענען אידן
וואַרטן לחלוטין אָן זאָרגן?
— אידן וואַרטן אַזוי צופרידן
פאַרן אייביקן מאָרגן.

דער אייביקער מאָרגן — דאָס איז משיח,
וואָס מיר האָבן זיך אויסגעוויילט:
אַזוי האָט אין איר לשון
די מאַמע ביים וויג אונדז דערציילט.

דאָס וואָס מיר זיצן און וואַרטן
ביים שוועל פון אידנס געצעלט,
טוט אונדז בלויז דאַכטן
אַז מיר שטייען אין מיטן פון וועלט.

מיר שטייען אין מיטן פון וועלט,
דער הימל איבער אונדזער קאָפּ —
ניט ווייט פון אידנס געצעלט
קומט דער מאָרגן אַראָפּ.

דער מאָרגן קומט אַראָפּ
איינגעהילט אין גראָ.
אָט איז ער אין גאַלאָפּ
אָט איז ער שוין ניטאָ.

וואו־זשע איז דער מאָרגן,
ער איז דאָך נאָר וואָס געווען?
— אַ גוי האָט אים דערוואָרגן
ווי ער האָט אים נאָר דערזען!

דער מאָרגן איז אייביק!

אייביק! — און מיר די אייביקע
אייביקער
מיט אָנגעלאָדענעם גלויבן
וואַרטן אין מאָרגן זיך אויסצולייזן,
וואַרטן אויפֿן אַחרית הימים
פֿון וועלכן מיר טוען זיך ניט אָפּשיידן.

וואַרטן אַרויס פֿון קאַלך־אויוון;
וואַרטן מיר זאָלן קענען גאָט לויבן:
וואַרטן מ׳זאָל אונדז קענען באַרויבן:
וואַרטן ביז דער שאַרף פֿון מעסער
וועט די לעצטע אויפֿקלויבן!

דער מאָרגן איז אייביק!

אין מידקייט פֿאַרגייט דער טאָג,
און אין שרעק פֿון נאַכט
האָט שרעק געוואָרגן לייבער;
האָט שרעק געשריען איבער קעפּ:
האָט שרעק געבראַכט
פֿאַרגרייטן טויט
צו קינדער צו ווייבער —
ער איז ניט געווען קיין אויסקלייבער.

זקנים און יונגען
האָבן פֿייערדיקע צונגען
אין זיך פֿאַרוועבט
אין זיך פֿאַרשלונגען!

דער מאָרגן איז אייביק!

און אין מאָרגן איז איינגעוועבט
די נאַכט פון לאַנגן מעסער.

דער לאַנגער מעסער
מיט צעעפענטן מויל.

דער לאַנגער מעסער
מיט גלאַנציקע ציין.

דער לאַנגער מעסער פון דער נאַכט
וואָס האָט זיך ניט געמיאוס׳ט
פון דאָס יודן־בלוט וואָס פליסט.

אָ, יודן־בלוט, יודן־בלוט!
יודן בלוט האָט פון אַלע שלעסער
אָפּגעשמידט דעם גרויל,

יודן־בלוט האָט מען גאַנצע פעסער
אָנגעגאָסן — אָנגעשעפּט,

פאַר יודן־בלוט האָט מען פאַרוועבט
דעם מאָרגן וואָס מען האָט ניט דערלעבט.

פאַר יודן־בלוט האָט מען עס פאַרטראַכט
דעם לאַנגן מעסער פון דער נאַכט!

דער מאָרגן איז אייביק!

די לופט איז אָנגעפּילט מיט רעגן.
דער הימל ליגט איינגעוויקלט
אין אַ גרויער טוך.

— אין קאַרעהאַד טאַנצן מיר
— גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן
פון אַלע קינדערס וועגן;

ניט קיין ביסל ניט קיין סך,
נאָר צוויי פולע שיסעלאַך:

ניט מערער האָבן קינדער געבעטן,
דעם רעגן, דעם שפּעטן
צו קומען אָפּלעשן
דעם פייער, וואָס האָט געגעסן
די פעלדער וואָס זיינען פאַרזייט —
מיט קאָרן, מיט זאַנגען, מיט ברויט.

אידישע קינדער אין קאָרעהאָד
אַלע צוזאַמען אין אַ ראָד,
טאַנצן אין מיטן שטאָט
מיט געבעט צו גאָט:

— גיב אַ רעגן, גיב אַ רעגן!

עס ברענען די קינדער ווי סכך:

עס ברענען די קינדער וואָס דו האָסט פאַרטראַכט
אונטערן לאַנגן מעסער פון דער נאַכט:

זיי ברענען ווי זאַנגען ווי טרוקן היי —
און זיי און אַרום זיי —
פייער אין קאָרעהאָד — פייער אין געדריי!

דער מאָרגן איז אייביק!

פון דער אייביקייט אַרויס
פלאַמען אויף די מעשיות
וואָס די מאַמע פלעגט
אַרויסלייענען פון טייטש־חומש אַרויס.

עס פלאַמט אויף דער מאַמעס ניגון
פון טייטש־חומש אַרויס,
ווען זי פלעגט פאַרוויגן
אונדז האַלטענדיק אויפן שויס:

— גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד.
די ערד איז געווען וויסט און לער.
גאָט׳ס גייסט האָט געשוועבט
איבערן פּנים פון וואַסער;

ס׳האָט קיין זאַך ניט געלעבט;
ס׳איז נאָך ניט געווען קיין שטער —
קיין מער און קיין שווער —
נאָר וויסט און לער.

ס׳איז נאָך ניט געווען געקומען
ס׳איז נאָך ניט געווען פאַרגאַנגען.
ס׳האָט ערשט גאָט גענומען
אונדז גרייטן אין זיינע פאַרלאַנגען.

איבער דער וויסט און לערקייט איז בלויז געווען גרייט
אונדזער ווערן — אונדזער טויט.

איינגעוויקלט אין פאַרבאָרגענקייטס איינגעווייד
איז נאָך געלעגען אין באַשייד;

דער טרויער און פרייד,
די געבורט פון דער ערד
די פאַלשקייט פון שייד
וואָס איז געלעגען באַשערט
פאַר דער חוצפּה פון שווערד.

גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד
און אידישע קינדער וואָס האָבן צו אים געהערט,
און אידישע שטעטלאַך געבויט אין דער פרעמד
ווי אַ סימן אַז גאָט האָט נאָך זיי ניט פאַרלענדט.

דער מאָרגן איז אייביק!

ניט פאַר אייביקייט האָבן אידן געבויט.
ניט פאַר אייביקייט האָבן זיי פאַרזייט

אויף פרעמדער ערד זייערע שטעט,
אין וועלכע זיי האָבן אויף אידיש גערעדט —
אויף אידיש געבעט —
אויף אידיש געלעבט —
אויף אידיש — אידיש־לעבן געוועבט!

דער מאָרגן איז אייביק!

ס'האָט גאָט זיינע קינדער ניט אויסגעמעקט.
פון דער ערד ניט פאַרלענדט.
ער האָט זיי נאָר פאַרוואָרפן אין דער פרעמד.

ער האָט זיי אָפּגעריסן פון זיין שויס,
זיי איבערגעגעבן אין פרעמדע הענט.
ער האָט צוגעזען ווי זיי האָבן געברענט
צוזאַמען מיט די ווענט,
פון זיין הייליק הויז,
וואו זיי האָבן געלויבט זיין נאָמען
און געמאַכט אים גרויס!

עס האָבן אידן אין דער פרעמד
שטיבעלאַך און געוועלבעלאַך אָוועקגעשטעלט.
אָוועקגעשטעלט, איינגעבויט ניט פאַר מאָרגן.
עס האָבן אידן גאָט'ס נאָמען ניט פאַרשעמט.
זיי האָבן פון דער גרויסער וועלט
געוואָלט נאָר דערווײַלע באָרגן
די עטלעכע יאָרן וואָס ס'איז באַשערט
צו לעבן און בויען אויף פרעמדער ערד,

ביז משיח וועט קומען אויף זיין ווייסן־פערד

און צונויפנעמען אַלע אידעלאַך צוריק
וועלכע זיינען ביים פרעמדן אין האַנט —
און זיי פירן איבערן פאַפירענעם בריק
צוריק צו גאָט'ס צוגעזאָגטע לאַנד.

אידישע שטעטלאַך, שטיבעלאַך אַליין
אין מיטן פון אַן אויפגערייצטער וועלט,
האָבן צווישן אייגענע ווענט —
פאַר זיך אַליין אויפגעשטעלט —
דעם אויפצינד פון בטחון:
דעם אויפגאַנג פון קידוש השם גלויבן —
אַפילו אינדערוואָכן
ווען מען האָט געטאָן גאָט לויבן
האָט שבת געליכטיקט פון אידישע שויבן.

ס׳האָט אידן בלויז געאַרט
די שרעק וואָס האָט געוואַרט,
פון די יוונים מיט די צלמים,
וועלכע האָבן זיך געיאָגט
אידיש גוטס — און לעבנס רויבן.

זיי האָבן קרעמלאַך אויפגעמאַכט
און אויף די שוועלן געוואַרט
ביז ס׳וועט אָנקומען די נאַכט —
זיי זאָלן זיך קענען באַהעפטן
מיט גאָט׳ס וואָרט מיט זיין נאָמען —
מיט דער האָפענונג וואָס טוט זיך
מיט דעם באַהעפטן
פון אויסלייז פון די שונאים
פון די יוונים מיט די צלמים
און פון יוזל׳ס פאַרפייניקט פנים!

דער מאָרגן איז אייביק!

אַלע מאָרגענס וואָס זיינען
נעכטנס געוואָרן,
זיינען פריער געקומען צורייטן
מיט פייערדיקע בייטשן.

זיי האָבן זיך אַלע געטאָן בייטן
אין רוצח׳אישע דייטשן,
פון וועלכע די מאַמע פלעגט
אַרויסדערציילן פון אירע עברי־טייטשן:

ווען שבת האָט שוין
געהאַלטן אין פאַרגיין,
און דורך שויבן האָט די נאַכט
זיך שוין געשפּאַרט.

פלעגט די מאַמע מיט געוויין
פאַר אירע קינדער אַליין
איבערגעבן וואָס איז געשען —
ווען ירושלים איז באַלאַגערט געווען:

די שונאים זיינען געשטאַנען ביי די טויערן:
אין שטאָט האָט מען געטאָן טרויערן:
פון אַלע זייטן האָט טויט געטאָן לויערן!

אין וואָכיקן שאָטן האָט די מאַמע אין ניגן געוויגט,
צוזאַמען מיטן שאָטן האָט זי צו אונדז געשיקט —
דעם וויי פון די מאַמעס וואָס זיינען געוואָרן פאַרריקט
און האָבן פון הונגער זייערע אייגענע קינדער דערשטיקט!

ווי נאָר עס פלעגט די מאַמע צו דעם טייל צוקומען —
האָט זי אַלע קינדער אַרומגענומען —
זי — צוזאַמען מיטן שאָטן האָבן אונדז אָנגעזאָגט —
אַז אַלץ וואָס אַ איד פאַרמאָגט
זינט יענער צייט וואָס ירושלים איז אומגעקומען,
איז זיין גלויבן וואָס ער האָט מיט זיך מיטגענומען
ווען מען האָט אים פון זיין לאַנד פאַרטריבן:

אזוי שטייט אין די הייליקע ספרים פאַרשריבן.

אין דער אייביקייט איז איינגעשריבן.
אין דער אייביקייט האָבן זיך אָנגעקליבן —
די נעמען, די ערטער און די פרעמדע שטעט,
וואָס אידן האָבן געבויט, וואו זיי האָבן געלעבט —
וואו זיי האָבן אויף אידיש — אידיש לעבן געוועבט:
געוויינט, געלאַכט
און חלומות פאַרטראַכט.

ס'איז געווען דער רב, דער דיין, דער שמש, דער מלמד,
צו וועמען מען האָט אידישע קינדער געבראַכט —
זיי זאָלן זיי ווייזן ווי אין גאָט'ס וועגן גיין:
זיי זאָלן קענען גאָט'ס וואָרט באַנעמען — פאַרשטיין.
מען האָט אידישע קינדער חתונה געמאַכט —
אידישע דורות זאָלן ניט פאַרגיין.

גאָט'ס נאָמען זאָל ניט ווערן פאַרשוועכט,
אפילו דאָ אויף דער פרעמדער ערד.

פון אידישן קרעמל האָבן געלעבט —
דער שניידער, דער שוסטער און דער וואָס האָט זיידנס געוועבט:
דער וואָס האָט ברויט און חלה געגרייט:
דער וואָס האָט די זיידענע קלייד גענייט —
פאַר אידישע כלות —
פאַר אידישע מחותנים —
פאַר דער זיידענער טיכל
וואָס די מאַמע פלעגט אָנטאָן
פאַרן בענטשן - ליכט.

די אַטלעסענע קאַפּאָטעס
מיט וועלכע מען האָט זיך
פאַר שבת געצירט.

אידישע אַמפּערייען
זיינען אַרום תורה געווען,

די אידישע זאָרג איז געווען,
אָרום דעם —
צי דאָס אינגל וועט גוט
קענען תורה לערנען;
צי וועט מען קענען שבת באַצירן;
צי וועט מען קענען די טעכטער
צו דער חופה פירן.

דאָס אידיש לעבן אויף פרעמדער ערד
האָט ניט געאַרט די גוישע שווערד —
וואָס האָט אַ הונגעריקע זיך געוויגט
און האָט צו העלדזער זיך געצויגן,
און האָט נאָך וואַרעם בלוט געגלוסט.

דער איד פון אידישן קרעמל האָט געוואוסט —
אַז ניט די גלוסט פון שווערד וועט זיגן;
אַז דער כח ליגט ניט אין פייל און בויגן.
אַז ס'איז דער גוי אַזוי דערצויגן
צו לעבן אויף שנאָה — און צו גאָט זיך ניט דערהויבן.

ס'האָט דער איד געוואוסט, ניט פון היינט,
וועגן דער סמ'איקער שנאה וואָס טרויערט אין זיין פיינט.
די שנאָה צו אים וועט לעבן וויפיל ס'איז אים נאָר באַשערט —
צו לעבן און בויען אויף פרעמדער ערד.

ער ווייסט די שנאָה ניט פון היינט,
זי האָט פאַר אים זיך אַנטפלעקט
נאָך איידער ער איז איבער וועלט אָוועק
צו שפרייטן גאָט'ס נאָמען.
צו פעלקער וואָס האָבן אים ניט געוואָלט דערקאָנען.

די שנאָה וואָס לעבט נאָך, זינט אברהם
האָט זיך פון זיין אייגן פאָטער אָפּגעטאָן;
האָט זיינע געצן צעבראָכן
און איז מיט נצחון
פון קאַלד־אויוון צוריק אַ גאַנצער אַרויס, —
צו רימען גאָט׳ס נאָמען און מאַכן אים גרויס
פאַר דער אייביקער — אייביקייט, וועמענס סוף
ס׳לאָזט זיך קיינמאָל ניט אויס!

ס׳האָט דער איד געלעבט אין שנאָה אַרומגענומען.
אויף יעדן פיצל ערד וואו ער איז נאָר אָנגעקומען
האָט מען באַלד געזוכט ער זאָל אומקומען.

ס׳האָבן פאַרטראַכטונגען זיך געגרייט.
מ׳האָט אין גרייטקייט פאַרטראַכט זיין טויט,
וואָס איז געלעגן אָנגעגרייט,
אין יעדער שווערדן־שייד,
אין די סם׳איקע רייד
וואָס איז פון גוי צו גוי
געוואָרן פאַרשפּרייט!

ס׳האָט דער איד אויף פרעמדע ערד
גאָט׳ס מלוכה אויפגעשטעלט.

גאָט׳ס מלוכה — אָן צאָרן פון שווערד —
האָט ער אויף פרעמדער ערד
אויפגעשטעלט!

ער האָט אין גאָטס מלוכה פאַרזייט
דאָס אידישע לעבן מיט זיין באַזונדער פרייד,

אין אידיש־לעבן אויף פרעמדער ערד
האָבן געלעבט אידן מיט בערד,
וואָס האָבן גאָט׳ס נאָמען ניט פאַרשוועכט.

די אידן מיט בערד
אויף פרעמדער ערד,
וואָס זיינען געווען צעשפּרייט
און פון זיי וואָס האָבן געבויט — די שטוב,
די שול, די קלייט,
איז געוואַקסן און האָבן זיך געגרייט
נייע אידן וואָס וועלן ווערן צעזייט.

אין גאָט׳ס מלוכה איז
געוואָרן פאַרזייט:
דער תענוג פון שבת
פאַר וועלכן מען האָט זיך אַ גאַנצע וואָך געגרייט.
דעם תענוג פון יום־טוב
און פון יום־טוב פרייד:
דער תענוג פון אַ נייע קלייד:
דער תענוג פון גאָט׳ס רייד
וואָס איז בלויז פאַר אונדז געוואָרן אויסגעוויילט.

ס׳האָבן אידן אויף פרעמדע ערד
אין אייביקן מאָרגן געלעבט;
פון גאָט׳ס קוואַל געשעפּט
דעם טיפן באַנעם, דעם זין
פון יעדן באַשעפעניש פון יעדן מין.

פון אָרים שטיקל ברויט
וואָס מען האָט געצויגן פון קלייט,
האָט מען חתונות פאַרגרייט,
קליידער געניִיט,
מיט יום טוב זיך געפרייט,
שבת געמאַכט
און אַן אורח געבראַכט!

אין גאָט׳ס מלוכה, אויף פרעמדע ערד,
האָט נישט געהערשט
דער כח פון שווערד.

געווען איז אומגערעכט
דער וואָס האָט גאָט פאַרשוועכט,
שלעכט׳ס גערעדט,
זיין שכן געטאָן שלעכטס
און פון זיין היים
אַן אָרעמאַן פאַרוועדט.

פון אָרים שטיקל ברויט
וואָס דער איד האָט געצויגן פון קלייט,
האָט ער פאַרגרייט;
האָט ער פאַרטיילט;
האָט ער געבויט;
שולן פאַר גאָט׳ס וועגן,
בתי מדרשים וואו עס פלעגן
אידן קומען לערנען
גאָט׳ס וואָרט —
וואָס ווערט קיינמאָל ניט אויסגעשעפּט,
וואָס ווערט קיינמאָל ניט אויסגעוועפּט,
נאָר פאַר אַלע אייביקייטן עס לעבט!

פון אָרים שטיקל ברויט,
האָט דער איד געבויט:
ביקור חולים׳ס,
גמילת חסדים;
הכנסת כלות;
חברה קדישה;
הכנסת אורחים;
פדיון שבויים
מעות חיטים;
מושב זקנים.

ס׳האָט דער איד ניט געלאָזן הונגערן
דעם איד וואָס האָט אויף שבת ניט געהאַט,
דעם וואָס האָט צוליב בושה
ניט געוואָלט דערציילן קיינעם
אַז ברויט האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן.
ס׳האָט אָן עמעצינס דערמאָן
דער איד געזוכט צו פאַרזאָרגן,
דעם אידן וואָס האָט ניט געהאַט
וואו צו באָרגן.

מען האָט דעם אידן געטאָן פאַרזאָרגן,
ער זאָל אויף פסח מצה האָבן;
עס זאָל זיין הויז־געזינד וויסן
דעם טעם פון וויין,
אַז ווען ער וועט עבדים היינו זאָגן
זאָל ער אין אליהו׳ס כוס וויין אָנגיסן,
די טיר אויפשליסן
אַז אליהו זאָל אויך פון זיין וויין געניסן.

עבדים היינו אויף פרעמדער ערד.

אין גאָטס מלוכה איז ניט געווען קיין תפיסה.
אין גאָט׳ס מלוכה האָט דער איד בלויז אויסגעוויילט —
די לבנה, די שטערן, די זון און דעם הימל
וואָס האָבן באַדעקט די קעפּ
פון אַלע גאָט׳ס קינדער.

ער האָט ניט געהאַט קיין שאָף, קיין רינדער.
ער האָט ניט געהאַט קיין פעלדער קיין וועלדער.
קיין שייערן מיט תבואה און זאַנגען.
ער האָט נאָר געהאַט דעם הימל וואָס איז געהאַנגען,
איבער אידישע שטיבעלעך,

איבער אידישע דעכער —
אָט מיטן האַנט צו דערלאַנגען
ווען ער פלעגט די לבנה מחדש זיין
מיט זיינע געזאַנגען.

ס׳האָבן אידן אויך אין גאָט׳ס מלוכה
זיך אַרומגעקריגט;
אַמאָל פאַר אַ שפאַן ערד,
אַ מאָל וואָס אַ איד האָט פאַרקלערט
זיין וועג ווי גאָט דינען:

צי גאָט דינען מיט געזאַנג,

צי גאָט דינען מיט טאַנץ,

צי גאָט דינען מיט געבעט.

גאָט דינען און געפינען
אין יעדן אות דעם טיפן ווערט
פון אונדזער קיום אויף דער ערד.

פון אַלע טאַונגען וואָס דאַרפן זיין גאַנץ,
פון יעדן וואָרט וואָס מען רעדט,
ער זאָל ניט ווערן פאַרשפּעט —
נאָר אַ ריינער זאָל ער צו גאָט דערגיין אין געבעט.

אין גאָט׳ס מלוכה אויף פרעמדע ערד,
האָט מען קיין סאָלדאַטן ניט באַדאַרפט.
עס האָט בלויז געהאַט אַ ווערט —

דער הייליקער שבת אויף וועמען מען האָט געוואַרט.

דעם פּוץ פון יום טוב נאָך וועמען מען האָט געגאַרט.

די אומגעדולד מיט וועלכן יעדער איד האָט געוואַרט
צו לערנען תורה ווען עס קומט אָן די נאַכט.

אין גאָט׳ס מלוכה האָט ניט געהאַט קיין שליטה
קיין ביקסעז, זעלנער, תפיסות, פּאָליציי.
דאָס איז געווען אַן ענין בלויז פאַר זיי,
פאַר זיי, וואָס האָבן גאָט׳ס נאָמען ניט געוואוסט,
וואָס זיינען אין זיינע וועגן ניט געגאַנגען,
וואָס זיינען נאָר צוליב שטיקער ערד
געווען געשמידטע, געפאַנגען
צו זייער שווערד,
צו זייער וויסטן גלוסט נאָך בלוט
— וואָס האָט זייער געביין ניט באַרוט.
און צוליב זייער מ׳שטיינס געזאָגט נישטיק ווערט
צו בלייבן און אָנהאַלטן זיך אויף דער ערד —
האָבן זיי געמוזט זיך שטיצן אויפן שאַרף פון שווערד.

ווען עס האָט געטראָפן אַמאָל
אַז דער גוי מיט זיין גרויסער צאָל,
מיט זיינע סאָלדאַטן און האַרמאַטן,
פלעגט זיך דערשרעקן
פאַר גאָט׳ס מלוכה.
פלעגט ער קומען צורייטן
מיט שרייענדיקע בייטשן,
מיט בייזע הינט,
מיט צאָרן פון ווינט,
מיט צאָרן פון ביקס,
מיט צאָרן פון קויל,
מיט דער בייזער קללה
וואָס האָט געקרימט פון זיין מויל,
מיט דער בייזער קללה
וואָס איז ווי אַ געוויקס
געלעגן געשוואָלן אויף זיין ביקס.

עס פלעגט קומען דער גוי
אין דער אידישער שטאָט,
נאָר ער פלעגט ניט צוגיין
צו דער מלוכה פון גאָט.
די מלוכה פון גאָט פלעגט
זיין באַשיצט —
קעגן זיינע הינט,
קעגן זיין קויל
קעגן זיין ווינט,
קעגן זיין גרויל.

ער פלעגט ניט צומאָל,
ניט מיט זיין צאָל,
ניט מיט זיין קול,
ניט מיט זיין קויל פון שטאָל.
קענען דערגרייכן,
קענען דערגיין,
צו גאָט׳ס מלוכה
וואָס פלעגט בלייבן ריין
פון זיין באַריר.

ער פלעגט בלייבן שטיין
אויף יענער זייט טיר,
פון גאָט׳ס מלוכה אויף דער ערד
און פון די אידן וואָס איז געווען באַשערט
צו לעבן אין איר.

ס׳איז דער גוי מיט זיין צאָרן,
מיט זיינע הינט,
מיט זיין בייזן ווינט,
מיט זיין קויל,
מיט זיין גרויליק מויל,
ווי אַ בעטלער געוואָרן:

וױ אַ בעטלער געבליבן שטײן,
מיט זײן צאָרן אַלײן,
בײ די טױערן פון שטאָט
אויף יענער זײט פון
דער מלוכה פון גאָט.

עס האָט געטראָפן צומאָל,
אַז דער גױ האָט פון שרעק,
גערױבט אידיש פאַרמעגן
און עס געפּאַקט אין זעק.
און ער האָט מיט שװערד און העק,
געװאָלט פון גאָט׳ס מלוכה מאַכן אַן עק.
האָבן אידן זיך צונױפגענומען,
זײנען אידן זיך צונױפגעקומען,
האָבן אידן דאָס אײגן לעבן ניט געשױנט —
עס האָבן נאָר אידן געװײנט צו גאָט!
עס זאָל ניט װערן פאַרשװעכט זײן געבאָט.

די װעלכע זײנען פון גױ׳ס צאָרן ניט אַנטרונען
זײנען אומגעקומען —
מיט גאָט׳ס נאָמען אויף די ליפּן,
מיט גאָט׳ס װאָרט אין די בלוטן.

ס׳האָט אָבער צו גאָט׳ס מלוכה
דער גױ ניט געקענט דערגײן,
ער איז אויף יענעם זײט טױער
פון גאָט׳ס מלוכה געבליבן שטײן.

װען עס פלעגט געשען
אַז דער גױ פלעגט דערזען,
אַז גאָט׳ס מלוכה איז געבליבן ניט גערירט.
האָט ער סאָלדאַטן אַרײנגעפירט,
האָט ער גזירות אײנגעפירט,
אָבער גאָט׳ס מלוכה איז געבליבן ניט גערירט.

ס׳האָט דער איד שתדלנים געשיקט
צו די גויים מיט די שווערדן,
צו די גויים מיט די ביקסן,
זיי זאָלן זייערע גזירות מאַכן גרינג,
זיי זאָלן זייערע גזירות מאַכן מילד,
עס זאָלן זייערע מחנות נישט זיין ווילד
ווען זיי קומען פאַר די טויערן פון שטאָט
וואו עס וואוינען די קינדער
פון איינציקן גאָט.

די קינדער פון איינציקן גאָט,
וואָס פאַרלאָזן זיך איינגאַנצן אויף זיין באַראָט!

דער מאָרגן איז אייביק!

די אייביקייט ליגט מיט אָפענע אָרעמס
פאַר אַלע נעכטנס פאַר אַלע היינטס,
דער מאָרגן שלאָפט מיליאָנען יאָר,
ער וואַרט מיט געדולד אויף זיין קבורה,
ער איז ניט קיין חלום, ניט קיין וואָר,
אין געהיים איז פאַרוויקלט זיין צורה.

זיין צורה איז פאַרוויקלט אין גאַלע גאָר,
זיין אויסזען וועט ניט זיין פאַר אונדז אַנטפּלעקט.
מיר וועלן ניט דערלעבן צו זיין אין זיין דור —
אין זיין דור וועלן מיר זיין אויסגעמעקט!

דער מאָרגן איז אייביק!

אין דער אייביקייט שפּרייזט אַריין
דאָס פאָלק וואָס האָט געבויט פּיראַמידן;
דאָס פאָלק אויף וועמען דער מצרי האָט געטאָן לויערן;
דאָס פאָלק וועמענס קינדער מען האָט איינגעבויט אין מויערן:
דאָס פאָלק וואָס מען האָט אויסראָטן זיך געגרייט
ווען מען האָט זיינע זכרים געטויט!

דער מאָרגן איז אייביק!

אייביק פאַרן פאָלק וואָס לאָזט זיך ניט פאַרטיליקן.
אייביק פאַרן פאָלק דעם גליאיקן.
וואָס גייט אַרויס פון קאַלך־אויוון;
וואָס ווערט פון וואַסער אַרויסגעצויגן,
וואָס זעט ווי זיינע קינדער ווערן
געשמידטע געפירט
איבער גאַסן פון רוים.
אויף וועלכע מען האָט זיי געבראַכט
פאַרטריבן פון דער היים.

פאַרטריבן פון דער היים
און אין קייטן געשמידט —
איז ניט געשטאָרבן דער לעצטער איד.

ס'איז ניט געשטאָרבן דער לעצטער איד,
ניט אין רוים;
ס'איז געווען גאָט'ס לוין
צו פירן אים ווייטער איבער וועלט —
אים צו דערהויבן
ווידער צום קאַלך־אויוון.

דער מאָרגן איז אייביק!

און די אייביקייט האָט פאַר אונדז באַשערט,
אַז אונדזערע קינדער האָבן זיך פון אונדז אָפּגעקערט,
אָפּגעקערט, אָפּגעווענדט,
און האָבן זיך ווידער פאַרוואָרפן אין דער פרעמד.

זיי זיינען פון גאָט'ס וועג אַוועק
איבער פעלדער איבער שטעג
צו די וועמענס איינציקער פאַרמעג
איז דער צאָרן פון שווערד.

עס האָבן די זיידעס מיט צער צוגעזען,
עס האָבן די טאַטעס ניט געוואוסט וואָס ס'איז געשען —

ווען די זין האָבן זיך אָפּגעווענדט,
ווען די זין האָבן זיך פאַרשווענדט,

ניט אויף לויבן גאָט,
ניט צו היטן זיין געבאָט,

ניט צו לערנען פון הייליקע ספרים —
נאָר האָבן עפּעס צו טאָן מיט שררים,

וואָס זיצן ווייט אין גוישע שטעט,
אין בגדים מיט גלאַנציקע קנעפּ אָנגעבעט,

פרעסן און זויפן,
שפּרינגען און לויפן,

און טראַכטן נאָר ווי אַזוי
צו האַלטן מלחמה מיט אַ צווייטן גוי —

פאַר מ'שטיינס געזאָגט, נאָך אַ נישטיק שטיקל ערד
וואָס האָט לחלוטין גאָר נישט קיין ווערט.

דער מאָרגן איז אייביק!

די אייביקייט איז שאָטנדיק, טונקל און לער.

צו דער לערקייט ווערט צוגעבראַכט
די אַלע זאַכן וואָס מען האָט פאַרטראַכט

פאַר אונדזערע קינדער וועלכע האָבן זיך אָפּגעווענדט,
און זיינען אַוועק אין דער פרעמד.

זיי זיינען אַוועק אין דער פרעמד,
מיט אידישער ליבע אָנגעלאָדן אין די הענט.

זיי האָבן געוואָלט —
ווי דער זיידע האָט געזאָגט;
— די וועלט איבערקערן,

כדי מענטשן זאָלן זיך נישט פאַרצערן,
כדי מענטשן זאָלן ווערן —
אָנגעפילט מיט ליבע —
אָנגעפילט מיט פרייד —

ס׳זאָל ניט זיין קיין אונטערשייד
צווישן אָרעם און רייך
אַלע זאָלן ווערן גלייך.

עס זיינען די קינדער אָוועק
וואו די וועלט האָט אַן עק —

אין ווייטע ערטער —

אין ווייטע שטעט.

און האָבן די זיידעס געלאָזן אַליין,
און האָבן די מאַמעס געלאָזט אין געוויין.

ס׳האָבן די טאַטעס געטאָן פאַרשטיין
אַז ניט ביי גויים וועלן געפינען חן —
זייערע קינדער
מיט אָנגעלאָדענע הענט
אידישע ליבע;
וואָס זיי ברייננגען אַריבער
פון יענע זייטן וועגט —
פון גאָט׳ס מלוכה אויף דער ערד.

עס האָבן די טאַטעס באַנומען געבוי,
ווי עס וועט די קינדער באַגעגענען דער גוי,
ווען זיי וועלן מיט ליבע אָנגעלאָדן
קומען אין זייערע שטעט
וואָס זיינען ווי סדום,
מיט רשעות געזעצט;

וואָס זיינען מיט תפיסות פאַרזייט;

וואָס זיינען מיט תליות פאַרגרייט:

וואָס זיינען מיט שפּיזן פאַרשטעקט:

וואָס האָבן פּויסטן פאַרמעגט
צו האַלטן אין שרעק —
דעם שכן, דעם ברודער און דעם אַנדער גוי.

עס האָבן די טאַטעס דורך נבואה געזען
וואָס ס׳וועט מיט די קינדער געשען, —
ווען זיי וועלן נאָר פון גאָט׳ס מלוכה אַרויס,
אין דער פרעמדער וועלט אַריין,
וואו מען לערנט ניט קיין קינדער צו זיין
באַהעפט און פאַרבונדן מיט גאָט,
וואו אַנשטאָט לויבן גאָט,
לערנט מען זיי מיט כלי־זיין
ווי אַזוי צו רויבן — ווי אַזוי צו מאָרדן,

ווי אַזוי צו גרייטן זיך שכנים באַפאַלן,

ווי אַזוי צו האָדעווען גיפטיקע שנאה;

ווי אַזוי צו שרייען —

ווי אַזוי צו באַפעלן,

ווי אַזוי סאָלדאַטן אויסשטעלן
זיי זאָלן שטיין און היטן
יעדן פּיצל ערד מ׳שטיינס געזאָגט —
וואָס ער האָט — וואָס ער פאַרמאָגט.

עס האָבן די טאַטעס געוואוסט,
אַז דאָרטן פון יענעם זייט טויער
פון גאָט׳ס מלוכה אויף דער ערד,
הערשט אומעט און טרויער,

ווייל גאָט׳ס וואָרט איז ניט מיט זיי,
ווייל עס פעלט זיי די פרייד
צו וויסן די ווערט
פון מענטשליך לעבן אויף דער ערד — :

פון מקבל זיין גאָט׳ס געבאָט,

פון באַנעמען דעם באַדייט
פון די הימלען פון די שטערן
און פון אַלע פריידן וואָס ווערן,

ניט ווייל מען איז פאַרשייט —
נאָר ווייל גאָט׳ס תורה האָט אַ באַדייט.

וואָס העלפט ווערן באַפרייט
פון מורא — וואָס מורא
איז נאָר אַן עבירה
וואָס דו קענסט אַמאָל טאָן —

ניט מיט כּלי־זיין טראָגן —

ניט מיט שרייען —

ניט מיט באַפעלן,

נאָר טאָמער וועסטו אַמאָל אַ שכן זאָגן
אַ וואָרט וואָס וועט אים ניט געפעלן —
אַ טאָט וואָס ער וועט ניט וועלן
זאָלסט טאָן —
אפשר אים ניט מבייש זיין
מיט אַן אָנוואונק — מיט אַ דערמאָן.

עס האָבן די טאַטעס זייער גוט פאַרשטאַנען
אַז ביי די גויים איז ניט פאַראַנען,
די פרייד פון משמח זיין זיך מיט דער תורה —

פון טאַנצן מיט דער תורה,
פון באַנעמען דעם זין
פון דינען דעם בורא.

ווען די מאַמעס האָבן
פון די טאַטעס געהערט,
אַז צו די שטעט וואו
זייערע קינדער האָבן
זיך געקערט,
איז גאָט פאַרשוועכט
און איינער דעם צווייטן פאַרצערט.
האָבן זיי אין שטומען פחד
צו גאָט זיך געווענדט,
ער זאָל זייערע קינדער
אויסלייזן פון גוישע הענט.

די קינדער זיינען אַוועק —
נאָר עס האָט דער גוי ניט געוואָלט
ווערן גלייך —

עס האָבן די קינדער באַצאָלט —
מיט יאָרן לעבן — ס'האָט דער גוי זיי געגעבן:
תפיסה — תליה:

ס'זיינען אידישע קינדער
צוזאַמען און באַזונדער,
אויפגעגאַנגען מיט מסירת־נפש,
אויפגעגאַנגען צום טויט.

נאָר — ניט אויף קידוש השם
ווי עס איז ביי די זיידעס געווען.

ווען די קינדער זיינען געקומען צוריק
פון דער גוישער וועלט,
האָט פון זיי שוין ניט געקוועלט —

ניט די ליבע —
ניט די פרייד —
ניט פאַר אָפּשאָפן דעם אונטערשייד
צווישן אָרים און רייך —
און מאַכן אַלעמען גלייך.

זיי זיינען געקומען פון דער גוישער וועלט
נאָר ניט אומגעקערט האָבן זיי זיך צו גאָט׳ס געצעלט.

דער מאָרגן איז אייביק!

ביים שוועל פון דער אייביקייט
זיצט אַ איד און וואַרט.
וואָס טוט אַ איד ביי זיין געצעלט,
וואָס זיצט אַ איד אַזוי פאַרטראַכט?

דאָס זיצט אַ איד און וואַרט.

וואַרט אַזוי מיטן פּנים צו דער וועלט
דורך געטאָ ווענט —
דורכן קאַלך־אויוון
זיך צו דערהויבן
גאָט צו לויבן.

דער מאָרגן איז אייביק!

אידיש לעבן איז מיט וואָרצלען
איינגעוואַקסן אין דער אייביקייט.

אידיש לעבן אויף פרעמדע ערד
האָט זיך ניט געלאָזן ווערן פאַרשוועכט.

עס האָבן אים באַצירט די אידן
מיט די בערד;
די אידן מיט די קאַפּאָטעס
וועלכע האָבן זיך פאַרמערט,

וי אין פסוק שטייט:
וואו דו גייסט,
וואו דו שטייסט,
זאָלסטו אָנפילן די וועלט,
זאָלסטו אָנפילן אַלע
אירע ווינקלען,
כדי זי זאָל ניט זיין
וויסט און לער,
ווי זי איז געווען
נאָך איידער גאָט האָט איר
געהאָט אין זיין באַגער.

ווייל נאָר צוליב דיר
האָט גאָט באַשאַפן
הימל און ערד,
און פאַר שטעלן דיר
צום פראָביר,
האָט ער אויך באַשאַפן די שלאַנג,
פונקט ווי ס׳איז באַשאַפן געוואָרן
די זאַנג,
וואָס זאָל דיך זעטיקן.

פונקט ווי ס׳איז באַשאַפן געוואָרן
גוטס און צאָרן —
אַזוי איז אויך באַשאַפן געוואָרן
דער מען טאָר און מען טאָר ניט:

אַזוי איז אויך באַשאַפן געוואָרן
די זון און דער ווינט
און גוילם מיט הינט,

און גויים מיט רציחה און גלוסט,
צו אומברייינגען דאָס פאָלק,
וואָס איז פאַר זיי ניט באַוואוסט.

וואו דו גייסט — וואו דו שטייסט,
זאָלסט זיך פאַרמערן —
זאָלסט מערער ווערן.
און די גויים מיט רציחה און גלוסט
און די גויים מיט די הינט,
וועלן דיך ניט קענען פאַרצערן!

דער מאָרגן איז אייביק!

דעם ברענענדן מדבר־דאָרן,
דורך וועלכן גאָט׳ס שטים
האָט זיך אַנטפלעקט פאַר זיינע זין,
האָט דער איד מיטגענומען
אין אייביקן אַהין,
אין דער פרעמדער וועלט
וואו מען האָט גאָט׳ס מלוכה אויפגעשטעלט.

אין דער פרעמדער וועלט
האָט דער איד בלויז פאַרנומען
אַ פיצל ערד,
אויף וועלכער ער זאָל קענען
שטעלן זיין געצעלט,

אויף וועלכער ער זאָל
בלויז פאַר אַ ווײַלע
זיך לאָזן מקבר זיין,
ווייל ווען משיח וועט קומען
וועט מען פון דער פרעמדער ערד.
פון דעם פיצל גרוב זיך קייקלען
גלייך אין אידיש לאַנד אַריין.

דער מאָרגן איז אייביק!

עס האָבן זיך די גויים גענומען קלייבן
די אידן אַוועקצוטרייבן
פון דאָס שטיקל ערד
וואָס גאָט האָט פאַר זיי
אין דער פרעמד באַשערט.
אַוועקצוטרייבן זיי מיט שווערד;
אַוועקצוטרייבן די אידן מיט די בערד,
וואָס האָבן זיך נאָר צו גאָט׳ס וואָרט צוגעהערט.

נאָר ניט געהאָט קיין ווערט
האָט דער שאַרף פון זייער שווערד;

עס האָבן אידן זיך פאַרמערט
אין אַלע ווינקלען פון פיצל־ערד.

גאָט׳ס מלוכה אויף דער ערד
איז געבליבן גאַנץ,
ניט געהאָלפן האָט די שווערד.

ס׳האָט דער גוי דערזען אַז ס׳האָט
גאָר ניט קיין ווערט —
זיין שווערד —
געגען גאָט׳ס מלוכה
אויף דער ערד.

גאָט׳ס מלוכה אויף דער ערד,
האָט דעם גוי פאַרפילט מיט שרעק,
איז ער צוריק צו זיינע שטעט אַוועק,
און האָט געטראַכט
טאָג און נאַכט,
ווי עס זאָלן אידן
ווערן אומגעבראַכט.

אַז ניט עס נעמט זיי אַ שווערד;
אַז ניט עס נעמט זיי אַ שפּיז;
אַז ניט פֿאַר זיי טוט טויגן,
פֿייל און בויגן.
ס׳איז אַ ריז
וואָס איז אויסגעצויגן.
ס׳איז אַ ריז
וואָס טוט זיך דערהויבן
דורך גאָט לויבן.

ס׳האָט דער גוי געטראַכט —
ס׳האָט דער גוי פֿאַרטראַכט,
ווי צו פֿירן געגען אידן
גאָר אַ נייע שלאַכט.

ער האָט זיך אַ אידן
פֿאַר אַ גאָט געמאַכט
דורך וועלכן ער האָט
געוואָלט דערגיין דעם סוד
פֿון גאָט׳ס מלוכה אויף דער ערד
וואָס בלייבט גאַנץ קעגן צאָרן פֿון שווערד.

ער האָט פֿאַרטראַכט
אַ נייע שלאַכט,
ווייל גאָט׳ס מלוכה
איז געבליבן פֿאַרמאַכט,
מיט טויזענטער שלעסער.

ס׳איז דער סוד פֿאַר אים
געוואָרן גרעסער,
אפילו נאָכדעם
ווי ער האָט פֿאַרטראַכט —
און אַ אידן פֿאַר אַ גאָט געמאַכט.

עס האָט דער גוי פאַרטראַכט
אַ נייע שלאַכט
געגן גאָט׳ס מלוכה
וואָס שטייט און וואַרט
אַז משיח זאָל שוין קומען;
דעמאָלט וועלן אַלע גאָט׳ס קינדער
ווערן צוזאַמענגענומען
פון אַלע פיר ווינקלען
פון דער ערד,
כדי צו ווערן אויסגעלייזט
פון גויישער שווערד.

פאַר דער נייער שלאַכט
האָט דער גוי פאַרטראַכט,
ניט קיין שווערדן,
ניט קיין שפיז,
ניט קיין שלאַנגען מיט גיפטיק ביס;
נאָר פייער און קאַלך־אויוון
ווי פאַר אברהם דעם זיידן.

דער גויישער פאַרטראַכט
האָט מיט זיך גאָרניט געבראַכט.

שוין זינט׳ן זיידן אברהם
פון ווען עס הויבט זיך אָן
גאָט׳ס מלוכה אויף דער ערד —
קען זי ניט אומגעבראַכט ווערן
ניט מיט פייער — ניט מיט שווערד —

גאָט׳ס מלוכה אויף דער ערד
וועט בלויז ווערן פאַרשוועכט,
ווען עס וועלן אידישע קינדער
פון איר ווערן אָפּגעקערט!

דער מאָרגן איז אייביק!

דער מאָרגן איז אין סודות איינגעהילט:

אין אומבאַוואוסטן מאָרגן
ליגט אַלץ פאַרבאָרגן,

דאָס פאַרשריבענע — דאָס אויסגעמעקט
און דאָס וואָס טאָר ניט ווערן אַנטפּלעקט.

אידישע קינדער
האָבן זיך צעזייט — צעשפּרייט.

אידישע קינדער
זיינען צוליב גוישן צאָרן
אין פרעמד — נייע לענדער פאַרפאָרן.

ס׳איז גאָט׳ס מלוכה אויף דאָס ניי געוואָרן
איינגעשטעלט
אין דער פרעמד — נייער וועלט.

ס׳איז אויף דאָס ניי
געוואָרן
געבאָרן
נייע אידן
פון די וועלכע זיינען אויפגעפאָרן
פון דער גאָרער וועלט.

אידן אויפגעפאָרן
פון דער גאָרער וועלט,
זיינען מיט בענקעניש
געוואָרן באַזעלט.

מיט בענקעניש
נאָכן טעם פון שבת
נאָכן פוץ פון יום טוב.

מיט בענקעניש נאָכן ברייטן הימל
וואָס איז אויף יענעם זייט באַרג
דערגאַנגען ביז אַ סוף.

עס האָט געקוועלט די בענקעניש
אויף דער פרעמד—נייער ערד
ביי די אידן אָן די בערד ;
ביי וועמען שבת איז געוואָרן פאַרשוועכט,

ביי וועמען אידיש תענוג איז געוואָרן צעשטערט.

עס האָט דער גויישער אומעט זיך אַריינגעריסן
צו די אידן וועלכע האָבן גאָט׳ס מלוכה געטאָן אַפּווישן —
דורך אַריינוועבן זיך אין דער אייביקער וואָך
וואָס דער גויישער אומעט שלעפּט מיט זיך נאָך.

עס האָט דער איד אויף נייער ערד
פאַרגעסן פון אידיש זיין דעם ווערט.
פון טעם וואָס איז געלעגן אין אַ מגיד׳ס רייד
דער טעם פון שבת און יום טוב פרייד.

ס׳איז די הייליקייט פון צינדן ליכט אַוועק —
אַוועק אין ערגיץ אין אַן אומבאַוואוסטן וועג —
אַוועק ערגעץ אָן אַ דערמאָן :
ס׳האָט דער קוואַל פון אידיש פרייד זיך אָפּגעטאָן.

ס׳האָבן אידן זיך פאַרמערט
אויף נייער ערד.
און פאַר די וואָס האָבן זיך פאַרמערט
איז געוואָרן באַשערט —
זיך אָפּצוטאָן פון די גערעכענישן
פון די אידן וואָס זיינען זיך אויפגעפאָרן —
געיאָגט פון גויישן צאָרן.

עס האָבן אידן געביטן די קליידער.
עס האָבן אידן געמיטן דעם חדר.

עס האָט פון אידן זיך אָפּגעטאָן דער סדר
פון אידיש לעבן — פון אידיש שטייגער.

עס זיינען אידן געוואָרן איינגעוועבט
אין דער אייביקער וואָך.

עס האָט אויפגעהערט דער אידישער קאָך:
אָרום דער גייסטיקייט פון רב:

אָרום דער דערהויבנקייט פון אידיש געזאַנג:

אָרום דער הייליקייט פון גאָט׳ס וואָרט —
און צו גיין אין גאָט׳ס וועגן דער פאַרלאַנג.

עס האָבן אידן זיך מער ניט געצירט,
מיט אַטלאַסענע קאַפּאָטעס,
מיט זיידענע שבת־טיך —
מיט אידישע היטלען — מיט אידישע שיך.

ס׳האָט אין וויסטן געיעג
דער איד איבערגעלאָזן זיין פאַרמעג
פון דורות תורה לערנען.
פון דורות תורה באַנעמען.
פון דורות וואו דער איד האָט זיך
ווי גאָט׳ס קינד געטאָן דערקענען.

עס האָט דער איד אויף נייע־ערד
די זיידעס מיט די בערד געטאָן פאַרשעמען —
די זיידעס מיט די בערד
וועלכע זיינען פאַר אים געוואָרן
פרעמדע נעמען.

עס האָט דער איד וואָס האָט זיך דאָ פאַרמערט,
צו גוישע רייד צוגעהערט.
דאָס גוישע לעבן האָט געקראָגן אַ ווערט —
מיט זיין גרויס־צאָל דאָ אויף דער ערד.

דער מאָרגן איז אייביק!

אין דער אייביקייט וויגט זיך
דער אידישער שמע ישראל —
וואָס האָט געשאָלט
צו אַלע ווינקלען פון גאָט׳ס מלוכה,
וואו מיט געוואַלד
האָט דער גוי זיין געשטאַלט
געוואָלט פאַרזיגלען
אין אַלע שפּיגלען —
אויף אַלע טויערן,
אויף אַלע מויערן
וואָס גאָט׳ס קינדער האָבן אויפגעשטעלט
אין זייער באַזונדער אידיש־וועלט.

דער איד פון דער נייער־וועלט
וואָס האָט ווי אַ גוי זיך פאַרשטעלט,
איז געוואָרן איינגעוואַקסן אין קעלט,
איז געוואָרן פאַרשלונגען פון געלט. —

אין דער וואָכיקער גוישער וועלט,
האָט דער איד פאַרפעלט —
צו ווערן באַהעלט —
פון גאָט׳ס וואָרט
און די טיפע חכמה
וואָס מען געפינט דאָרט.

עס האָבן אידן אָן בערד
דאָ אויף דער נייער ערד,
וואָס האָבן זיך פאַרמערט,

ניט פאַרשטאַנען די ווערט
פון גורל וואָס גאָט האָט פאַר זיי באַשערט.
דער גורל וואָס טוט זיך קיינמאָל ניט אָפּטאָן
אפילו פון די וואָס פאַרבלאָנדזשען זייער טראָט
פון די וועגן אויף וועלכע עס פירט זיי גאָט —

פון שטאָט צו שטאָט —
פון לאַנד צו לאַנד —
פון פרעמד צו פרעמד —
פון נסיון צו נסיון —
צו ווערן פאַרברענט
און ניט פאַרלענדט.

עס האָבן אידן — אידישע ספרים
אויף גוישע ביכער פאַרביטן.
אין די ביכער איז ניט פאַרשריבן
ווי עס האָבן גאָט'ס קינדער געליטן.

אין די ביכער איז נאָר פאַרשריבן
ווי עס האָבן זיך געביטן —
די אַנהאַלטער פון מ'שטיינס געזאָגט
דאָס שטיקל נישטיק ערד
וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן
מיטן שאַרף פון שווערד.

ס'האָבן אידישע קינדער געלייענט
פון די ביכער אַרויס,
די קליינקייט און די גרויס
פון יעדער פאָלק מיט איר צאָל,
פון די פעלקער וואָס זיינען געווען אַמאָל.

פון די וואָס האָבן מלחמות געפירט:
פון די וואָס האָבן זיך באַצירט
מיט עשירות פון רויב

און זיינען נאָכדעם געוואָרן שטויב —
מיט זייער רויב וואָס ליגט אין שטויב.

אין די גויישע ביכער
איז אָבער ניט איינגעשריבן,

ניט דאָס לעבן פון אידן;
ניט די פרייד פון אידן;

נאָר די פאַרוואונדערונג פון גוי
וואָס ווייסט ניט געננוי,
צי אַז מען שלאָגט אידן טוט זיי וויי.
צי אָ איד איז אויך אָ מענטש ווי זיי.

ווייל ער לעבט ניט פון שווערד.
ס'האָט בלויז פאַר אים אַ וואָרט
גאָט'ס מלוכה אויף דער ערד.

ביים גרענעץ פון מאָרגן
וואָרטן גרייטע די אַלע
וועלכע מען האָט דערוואָרגן
וועלכע מען האָט מיט פייערן
געטאָן פאַרזאָרגן.

דער מאָרגן איז אייביק!

ס'איז צו די אידן אויף נייער ערד
דערגאַנגען דער געשריי פון די
וועמען עס איז געווען באַשערט,
צו ווערן דער אויספּרוביר
פון גויישער שלעכטס.

עס איז צו זיי דערגאַנגען
די פאַרוואונדערונג פון גוי
וואָס האָט געוואָלט וויסן גענוי ;
צי אַ אידן טוט וויי ?
צי אַ איד טוט אַ געשריי ?
צי אַ איד איז פונקט ווי זיי ?

עס איז ווידער אין ביכער געוואָרן פאַרשריבן
אַז דער גוי האָט אידן אויפגעקליבן,
און ער האָט זיי געשטאָכן מיט שפּיזן —
כדי עס זאָל פאַר אים ווערן באַוויזן —
צי עס טוט אַ אידן וויי.
צי אַ איד טוט אַ געשריי.
צי אַ איד איז פונקט ווי זיי.

דער מאָרגן איז אייביק !

צו דער אייביקייט דערגייט
דער אידישער געשריי.
צו דער אייביקייט דערגייט
די פאַרוואונדערונג פון גוי,
וואָס ווייסט שוין אַז אידן טוט וויי,
אַז אידן קענען מיט געשריי
פאַרגיין מיט שמע ישראל !

דער מאָרגן איז אייביק !

מיר ציען זיך אַלע צו דער אייביקייט
ווי עס ציען זיך פאַרנאַכטן צום שלאָפן.

מיר טראָגן אויף זיך דעם צער
פון די אַלע וואָס זיינען אַנטלאָפן —
פון דער אידישער אייביקייט

כדי צו קענען אויסציילן
די אומעטיקע מינוטן
פון שווערן היינט.
כדי צו קענען זיך פאַרהיטן
פון בייזן פיינט.

עס קומען אונדז אַנטקעגן
די זיידעס מיט די בערד —
ווען עס איז געווען באַשערט —
צו וויסן,
צו געניסן,
דעם טעם
פון אייביקן מאָרגן.

די זיידעס וועלכע האָבן זיך
געטאָן פאַרזאָרגן
מיט אַלע אויבעגאָנען
אין גן־עדן
וואו מען וועט קענען טאָג און נאַכט
זיצן און לויבן
דעם נאָמען וואָס האָט באַשערט
דאָס אייביקע לעבן
וואָס האָט אַ ווערט —
ניט ווי אויף דער ערד.

דער מאָרגן איז אייביק!

עס האָט דער רוצח די קברים פון די זיידעס צעשטערט,
דאָס איינציקע גדעכעניש וואָס מיר האָבן געלאָזן
אויף זיין מ׳שטיינס געזאָגט, וויסטע ערד.

ער האָט זייערע ביינער אויף אַש צעשטויבט —
נאָר ער האָט ניט געקענט נעמען אין רויב
די אַלע חלומות וואָס די זיידעס האָבן געוועבט
ווען זיי האָבן מיט גאָט׳ס תורה געלעבט.

ס'איז זייער אַש צעפלויגן אויף אַלע ים'ען
פון וואַנען עס האָט גאָט זיי אויפגענומען צוזאַמען —
און באַשיצענדיק זיי מיט אַ פייערדיקער וואַנט
האָט ער בשלום זיי געבראַכט אין דאָס צוגעזאָגטע לאַנד.

די ניידעס אונדזערע — די וואונדערליכע!
די ניידעס וועלכע מיר האָבן
דורך זייער חכמה דערקענט.

די ניידעס וואָס מיר האָבן דורך זייער
לויטערקייט דערוויסט
האָבן אין אונדזערע טוּאונגען זיך פאַרוועבט.

מיר טראָגן איצט אין זיך
דעם בטחון פון די ניידעס
אין דער גאָרער וועלט אַריין
ווי זיי האָבן עס געטראָגן
פאַר אונדז,
כדי מיר זאָלן ווערן,
כדי מיר זאָלן קענען זיין.

מיר טראָגן די לידער
מיט וועלכע די מאַמעס
האָבן אונדז פאַרוויגט,
אין יענע אידישע שטעטלאַך
וואו עס איז געוואָרן דערשטיקט
דאָס אידישע קול,
וואָס האָט צו גאָט געבעטן
און האָט צומאָל
ניט געזוכט אָפּצוטרעטן
פון טעם וואָס איז געלעגן
אין גיין אין גאָט'ס וועגן:

אין זינגען גאָט אַ לויב,
אין דערהויבן זיך מיט דערהויב
פון גרייכן גאָט מיט תפילה.

די לידער ביי אונדזערע וויגן,
וואָס די מאַמעס פלעגן זינגען
פון דער בעסטער סחורה,
וואָס גאָט האָט אונדז איינגעטיילט
דורך זיין תורה. •

די לידער ביי אונדזערע וויגן,
וואָס מען האָט אויך געזונגען
פאַר די זיידעס,
נעמען מיר ווידער פאַר עדות
אויף אונדזערע הענט —

פון שטאָט צו שטאָט!

פון לאַנד צו לאַנד!

פון פרעמד צו פרעמד!

צו דער אייביקייט פון מאָרגן!

צום בטחון וואָס איז ניט דערוואָרגן!

צום אָנזאָג פון יעדער שעה:

קאָמעץ, אַלעף, אָ!



זעקסטע אָפּטיילונג

באַלאַדע פון זעכציקער

געבויט אויף דער ליקווידאַציע פון די ערשטע זעכצן
אין דער פּאָליטישער רייניקונג פון סאָוועט־רוסלאַנד



באַלאַדע פון זעכצנטן

סאַשאַ זימערמאַנען

▼

געפאַנגענשאַפט

שטילקייט האָט זיך פאַרקלאַמערט אויף זיין פּנים.
דער תפיסה־חדר איז איינגעוויקט אין זשאַווער.
אַ ווייטער קול — דוכט זיך אויס — דערמאָנט זיין נאָמען
און רופט אים אָן מיט צאַרטקייט — חבר.

ער וויל דאָס קול דערגרייכטערן און פאַנגען,
אַרומנעמען עס און אָפקושן אַלע גרוסן.
און ווען זיין גוף וועט שוין זיין געהאַנגען,
זאָל ער דורך אים גריסן אַלע רוסן.

דאָס וואָרט רוסן, איז אים נאָנט און טייער,
פיל מערער ווי זיין לעבן, וואָס ער ברענגט אַ קרבן.
און אפילו ווען ער וואָלט איצט געווען אַ פרייער,
וואָלט ער ווידער פאַר דעם נאָמען געשטאָרבן.

אַרום איז שטיל. דער ווידערשטאַנד איז אונטער ריגל.
ער האָט די לעצטע נאַכט אינגאַנצן זיך אָפגעגעבן.
ער אַליין איז דאָך ניט מערער ווי אַ ציגל,
פון וועמען עס דאַרף אויפגעבויט ווערן אַ ניי־לעבן.

אַלץ אַרום איז אין טויטקייט איינגעגראָבן.
דער טויט אפילו וואַרט אויף אים שטיל.
ווי דאָס קלאַפּן פון אַ זייגער טוט זיך בלויז דערטראָגן
דער גערויש פון טריט אויף דעם צעמענטענעם דיל.

ער אָטעמט איין אין זיך דעם געריך פון חדר.
זיין געדעכעניש האָט פאַרשטעמפּעלט פון די ווענט דעם קאָליר.
און פאַר די אויגן זעט זיך בלויז די קליידער
פון דעם שומר, וואָס שטייט פאַרגליווערט ביי זיין טיר.

אין ווילדן געלאַף שפּרינגען די געדאַנקען
און רייצן זיך מיט אים, ווי עס רייצט אַן אָקס אַ רויטע טוך.
זיי וואַרימען און צינדן ווי שאַרפע געטראַנקען
און פאַרוויגן אים אין דער זיסקייט פון זייער געריך.

דער דאַרער לאָמפּ, וועלכער הענגט אין מיטן,
קאָלופּעט די פינצטערניש מיט אַ שפּריץ ליכט.
ער זעט זיך ווידער אינגאַנצן אַ געשמידטן
אין גרויסן חדר פון אומעטיקן געריכט.

אין געריכט

דער גרויסער חדר איז איינגעדעקט אין גרויליקער קעלט,
מיט אומעטיקע פאַנען זיינען די ווענט פאַרצויגן;
אין גליווער זיינען זעלנער צעשטעלט —
איינגעקלאַמערט אין דער פוסטקייט מיט פאַרגלייזטע אויגן.

דער ריכטער איז אַלט — פאַרביסן און פאַרקילט.
מיט שפּיץ פינגער וויגט ער די גאָלדענע קייט אויף זיין ברוסט,
מיט שווערן אָטעם איז דער חדר אָנגעפילט —
און אין דער לופטן הענגט זיין אויסגעקראָכענער הוסט.

דער אָנקלעגער, צעיאָגט אין ווילדן גאַלאָפּ,
האָט מיט שטעכיקע רייד זיך געטאָן אַ לאָז.
אין איילעניש טריקענט ער זיין נאַקעטן קאָפּ,
און פאַרזאָטעלט די ברילן אויף זיין ביינערדיקער נאָז.

ער איז האַרב און אָנגעשוואָלן מיט כעס.
ביי זיין זייט וואַרט אַ צוגעגרייטער דער טויט;
אין צערייצטער הנאה — שלינגען אַלע — האַס
און שטעכיקע אומגעדולד צינדט פון זייער הויט.

דעם גע׳משפט׳ן האָט ניט געאַרט
ניט דער קול, ניט דער בייזער פון די רייד.
שוין אַ גאַנצן טאָג, אַז ער טראַכט
פון דער זון וואָס האָט ביזן געריכט אים באַגלייט;

פון די מענטשן, וואָס האָבן מיט די ציין געקריצט
און געשטאָכן אים מיט אויגן ווילד,
עס לעבט נאָך אויף פאַר אים ווי איצט,
דער שוידער פון דעם קראַנקן בילד.

ער זעט זיך געשמידט און פאַרצאַמט
מיט וועכטער אָן אַ צאָל;
נאָר פון ערגעץ גלעט אים אַ צאַרטע האַנט
און ער דערהערט זיין מאַמעס קול.

זי וויינט, זי מונטערט און רופט,
שטראָפט און בעט זיך ביי אים,
און ער דערפילט אויף זיך דעם דופט,
וואָס עס ברענגט אים איר צאַרטע שטים.

ער וויל איר דערקלערן מיט פאַרשטאַנד
דעם וואונדער פון זיין געמיט;
נאָר אַ געקלאַמערטע, שטייפע האַנט,
האָט אים אַרויסגעפירט, מיט טויט געשמידט.

אין שפּעטקייט פון צייט

די שעה איז פאַרגאַנגען אין שפּעט.
אַ קלויסטער גלאָק האָט זיך צעקלונגען:
ער האָט מיט זיך אַליין זיך צערעדט —
און אַלע רייד זיינען אים געלונגען.

ער ווייסט אַליין די שפּעטקייט פון דער צייט, —
באַשטימט איז שוין וויפיל לעבן אים איז געבליבן,
אַליין האָט ער אויף די ווענט מיט קרייד
עס אין ווייסיקע צייכנס פאַרשריבן.

און אַלץ האָט ער פאַרצייכנט ביז דער לעצטער מינוט,
אפילו דעם גלי פון זיינע געדאַנקען —
וואָס ער וועט צוזאַמען מיט זיין הייס בלוט
זיי ברייננגען דעם פאָלק ווי געשאַנקען.

און אין פאָלק זיינען אַלע און אַ יעדער —
אפילו דער שומר, וואָס שטייט דערנעבן: —
און אויך דער ריכטער, וואָס האָט מיט זיין פעדער
פאַרזיגעלט דעם סוף פון זיין לעבן.

ער וואָלט בלויז געוואָלט אין לעצטן מאָמענט
אַ טרייסט־וואָרט דעם תליון שענקען.
און נאָכדעם פאַרגיין דורך באַריר פון זיינע הענט,
ווי ער וואָלט זיך פאַרגאַנגען אין בענקען.

דער תליון איז נאָנט — ווי ער וואָלט אַן אייגענער געווען,
אַן אייגענער, וואָס ער טוט שוין דורות קאָנען.
בלויז ער אַליין וועט דאָך, ביים פאַרגיין קענען זען
דאָס אויסזען און קאָליר פון זיין פּנים.

די שעה איז שפּעט — עס קומט שוין באַלד אָן
דער סוף מיטן פרימאָרגן צוזאַמען.
ס׳וועט גאָר נישט געשען — ס׳שטייט גאַרנישט אין קאָן,
און פאַר גאָר ניט דאַרף ער זיך זאַמען.

אַ שפּריץ נאַכט בלייבט נאָך הענגען אויף אַ שויב
איינגעקלאַמערט אין די אייזערנע שטאַנגען.
דער פאַרשלאָפענער פרימאָרגן וואַרט אויפן אָנהויב:
צו זען ווי אַ גוף וועט זיך וויגן געהאַנגען.

זון־אויפגאַנג

די תפיסה איז אין שווערן געררוך איינגעהילט,
מיט שוידער האָבן זיך געוועקט די, וואָס זיינען געשלאָפן:
ער האָט אין דער וואַכקייט ניט געפילט,
ווי גיך עס איז פון אים די נאַכט אַנטלאָפן.

אין ערשטן אויפשטיין איז פרימאָרגן
געקומען, אָן אויסגעוואַשענער, אים באַגריסן.
פון ערגעץ האָט אַ האַנט פאַרבאָרגן —
גענומען אים זיין צעל אויפשליסן.

עס האָבן הילך פון טריט זיך דערטראָגן
און זיינען געבליבן פאַרשטילט דערנעבן.
דאָס זיינען די טריט אים געקומען אָנזאָגן —
די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן.

ער האָט די לעצטע מינוטן געטוליעט צו זיך —
זיך געשפּיגלט אין זיי און זיי אַרומגענומען.
אין ווילדן געלאָף איז צו אים, אויף גיך,
זיין גאַנצער לעבן צו גאַסט אָנגעקומען.

ער האָט זיך מיט אים דורך זיין יוגנט געיאָגט
און אים צו זיין עלטער דערבראַכט:
און מיט צער זיך פאַר אים באַקלאָגט,
פאַר די יאָרן, וואָס מען האָט אים פאַרשפּאַרט —

אין ערגעץ, אין פינצטערע צעלן,
וואו ער איז אויסגערונען אָן אַ זין.
און אפילו איצט, ער זאָל ניט וועלן,
מוז ער נאָכגיין מיט אים.

נאָכגיין מיט אים און — פאַרגיין
פאַר אָן עפּעס, וואָס איז ניט געווען.
און פאַרצערט ווערן פון אייגן געוויין —
ווייל ער וועט די זון ניט קענען מער זען.

די זון, וואָס האָט אים באַגלייט
ביזן גליוועדיקן געריכט,
און צוזאַמען מיט אַ קינדערשער פרייד,
אים צו דער צווייטער זייט טיר צוגעפירט.

צוגעפירט מיט פאָכנדע קינדערשע הענט,
מיטן דופּט פון זיין מאַמעס קול;
צי וועט דען, אָט דאָס וואָס ער באַנעמט,
קענען מקוים ווערן אַמאָל?

צי וועט דען מקוים ווערן אויף דער ערד
אַזאַ לעבן ווי ער פאַרשטייט:
אַ לעבן, וואו מען וועט אויסשמידן פון שווערד
אַקער־אייזנס פאַר ברכה און ברויט?

ער ווערט אַליין פון ליבע אַרומגענומען
און אין דער ליבע ווערט ער פאַרצערט.
פאַר זיך האָט ער דאָך גאָרניט גענומען
אפילו דאָס ביסל, וואָס איז אַ מענטשן באַשערט.

און ווען ער וואָלט געדאַרפט איצט אויסקלויבן
פאַר זיין לעבן דעם אמת׳ן ווערט, —
וואָלט ער זיך אָנגעצונדן אין דעם גרויסן גלויבן,
פאַר וועלכן ער פאַרשווינדט פון דער ערד.

אין מאַרש

ער איז זיך אין זיינע טראַכטונגען פאַרגאַנגען,
אין טראַכטונגען וואָס האָבן אים געפירט אַרויף —
און ער האָט ניט געהערט ווי דורך די אייזערנע שטאַנגען,
האָט זיך געריסן אַ גערויש פון הויף.

עס זיינען באַלאָדענע זעלנער געשטאַנען
איבערן גרויס פון הויף צעשפּרייט;
נאַכט מיט זון האָבןביידע פאַרשטאַנען —
אַז מען גרייט דאָ רואיק אַ מענטשן צום טויט.

די חברים האָבן פון זייערע צעלן —
אומרו איבערן תפיסה פאַרשפּרייט:
— מיר וועלן ניט לאָזן, מיר וועלן פאַרשטעלן —
אונדזער אייגענעם חבר פון טויט!

פון צעל צו צעל האָבן געקלונגען
קולות פון בייזקייט און האַס;
ווערטער נאָך ווערטער זיינען געוואָרן פאַרשלונגען
אין ביטערן אויפגעקאָכטן כעס.

פאַרשלאָפענע וועכטער האָבן שטיל זיך געצויגען
אין אָפענעם מויל פון טאָג;
האַרט ביי זיין טיר האָבן שטומע אויגן
געבראַכט אים דעם לעצטן אָנזאָג.

ער האָט דעם אויסזען פון חדר אין זיך פאַרזיגלט
די האָר און די קליידער פאַרריכט —
און אין אַ ברודיקער שויב זיך אָפּגעשפּיגלט —
צו פאַרצייכענען דעם קאָליר פון זיין געזיכט.

און אַ גרייטער האָט ער זיך געשטעלט
אינמיטן דער סאָלדאַטישער ריי:
אַדיע חברים, אין פלאַקער די וועלט —
אין פלאַקער, צו זון און צו פריי!

אין שטומען באַוועג האָט אַ וועכטער צאַרט
אַ ליכטיקער פּאָר אים אויפגעשיינט;
פון אַלע זייטן האָבן זיך אַרויסגעשפּאַרט
הענט און פּנים׳ער פון פריינט.

ער האָט געהערט ווי עמיץ זיין נאָמען רופט —
אַ עמיץ, וואָס איז דאָ דערביי:
ס׳האָט אַ יאָג געטאָן זיך אויף אים מיט שאַרפער לופט —
מיט דרויסן, מיט טאָג — מיט פריי!

שטאָט

פרימאָרגן האָט די שטאָט פון שלאָף אויפגעריסן,
וואָך האָט זיך איבער גאַסן פאַרשפּרייט:
מענטש פון מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן דערוויסן —
אַז די נאַכט האָט אַ מענטש, אָפּגענאַרט דעם טויט.

די נייעס איז אויף פליגלען געפלויגן —
און אַ יעדן מיט דערשטוינונג אָנגעפילט.
איבער שטאָט האָבן מחנות זעלנער זיך געצויגן,
מיט שטומקייט און געווער איינגעהילט.

אין יעדנס פּנים האָבן געשטאָכן אויגן,
יעדנס טראָט האָט פאַרדאַכט באַגלייט.
אין שווערער מורא האָט זיך די שטאָט פאַרצויגן,
אין שווערער מורא האָבן זיך פאַרבאַהאַלטן רייד.

קלויסטער גלעקער האָבן זיך צעקלונגען —
און געטראָגן זיך אין ווילדן געיעג —
און זיך — און אַלעמען פאַרשלונגען
אין דעם שווידער פון זייער אייגן שרעק.

פאַרלוירענקייט האָט אַלעמען אַרומגענומען:
פאַרצווייפלונג האָט זיך פון יעדן ווינקל געשפּאַרט.
ערשט איצט האָט אַ יעדער אין שטומקייט באַנומען —
אַז עמיץ האָט אַ מאָדנע בשורה געבראַכט.

אַ בשורה פון ווייטע — ווייטן
אויסגעטאָן פון וואָרט און רייד,
איז אין גאַלאָפּ געקומען צו רייטן
און אויסגעלייזט אַ מענטש פון טויט.

די שטאָט האָט זיך מיט שלאָף פאַרשלאָסן.
די שטאָט האָט טיר און טויער פאַרמאַכט:
נאָר אויגן האָבן איבער שטומע גאַסן
זיך געריסן מיט געשוואָלענעם פאַרדאַכט.

די שטאָט האָט אין ציטער זיך באַוועגט,
אין פאַרבאָרגענקייט האָבן מענטשן זיך געזען —
עס האָט איינער דעם צווייטן געפרעגט:
צי ווייסט מען ווער עס איז דער מענטש געווען?

דער מענטש וואָס האָט דעם טויט אָפּגענאַרט —
ווען ער האָט שוין צו אים דערנענטערט זיין טראָט —
און פאַרביטערטע זעלנער געבראַכט
איבער גאַסן און ווינקלען פון שטאָט?

צווייטער טייל

ער און די שפּין

שוין לאַנג אַז פאַר אים
איז דער גאַנג פון טעג פאַרלאָרן —
זינט ער און די טויטע שפּין
זיינען ווי איינס געוואָרן.

בלויז ער און די טויטע שפּין,
וואָס האָט אין געוועב זיך געטויט,
זיי האָבן אַן שום זין
אין גראָען חדר זיך געשפּרייט.

דער גראָער חדר, ער קאָן דאָך אים —
זיין גורל וועט מיט אים אייביק זיין —
אָט ווי פון דער טויטער שפּין
וואָס איז אין אייגן געוועב אַריין.

ער געדענקט נאָך ווי איצט
ווי דאָס איז געשען.
אין געדעכעניש איז אים איינגעקריצט
דאָס בילד וואָס ער האָט געזען.

ווי די שפּין איז אַריין אין געוועב
און האָט מער אַרויס ניט געקענט:
ער פילט נאָך איר לעצטן שוועב
ווען זי האָט געוואָלט זיך אַריס טאָן צו די ווענט.

נאָר פּלוצים איז זי פאַרגליווערט געבליבן
אין אייגן געוועב פאַרדרייט,
עס האָט אין די פעדים איר אַנטשוויגן
דער אויסגעוועבטער טויט.

ער וועט בלייבן ווי אַ גרינער פלעק

ער האָט די שפּין זיך פאַר משל גענומען
זיין אייגן לעבן איז ווי אירס געווען.
פונקט ווי זי האָט האָט ער זיך אין געוועב געפונען
פונקט ווי מיט איר וועט מיט אים געשען.

ער וועט שוין קיינמאָל פון דאַנען ניט אַנטרינען,
ער וועט שוין קיינמאָל פון דאַנען ניט אַוועק.
פונקט ווי איר וועט אים עמיץ געפינען
אויסגעשפּרייט אויפן דיל ווי אַ גרינער פלעק.

ער, וועט עס ווי אַ גרינער פלעק ווערן?
ער, וועט עס אין איינזאַמקייט פאַרגיין?
ווי שווער עס ווערט אים פון דעם צו קלערן,
ווי שווער עס איז דאָס צו פאַרשטיין.

ער האָט זיך אין מיליאָנען פאַרוועבט

ווי שווער עס ווערט אים איצט צו באַנעמען
אַלץ וואָס איז אַרום אים געשען.
ער דערמאָנט זיך ווי די שטאָט האָט געטאָן ברענען —
און ער האָט צווישן טויזנטער זיך דערזען.

עס האָבן די טויזנטער אים ווי כוואַליעס געטראָגן.
ער האָט מיט פלאַמיקע ווערטער זיי געצונדן:
ס'האָט זיין אייגענער אויפלאַם אים געשלאָגן —
אין אויפלאַם איז ער מיט די טויזנטער געוואָרן פאַרבונדן.

ער איז דאָך פאַר זיי אין די תפיסות אַוועק,
ער איז דאָך פאַר זיי אויפן עשאַפאָט געגאַנגען:
זיין אויפלאַם איז אַרויס פון ברעג —
זיין אויפלאַם האָט אַלעמען געפאַנגען.

זיין אויפלאַם וואָס ער האָט אין תּפֿיסה־ווענט געגרייט.
זיין גלויבן פֿון וואַנען ער האָט זיין ליבע געשעפּט;
און דאָס וואָס זיין גרייטקייט האָט פֿאַרזייט,
האָט איצט צווישן טויזנטער אויפֿגעלעבט.

טעג זיינען אין אימפּעט אַנטלאָפֿן.
נעכט האָט מען ניט געקענט פֿילן.
עס האָבן די אויגן ניט געקלעפּט צו שלאָפֿן —
עס האָט דער אויפֿלאַם זיך ניט געטאָן שטילן.

עס זיינען אַלע ווי איינס געוואָרן.
דער נאָמען חבר האָט יעדן געגלעט.
אַ נייער מענטש איז געבאָרן —
אַ מענטש וואָס האָט פֿון ליבע גערעדט.

אַ מענטש וואָס האָט איבער גאַסן מאַרשירט
מיט זון און פֿרייד באַהעלט.
אַ מענטש וואָס האָט צו מענטש אַרויסגעפֿירט
אַן אָנזאָג פֿון אַ נייער וועלט.

עס האָט דער אָנזאָג — שטעט און לענדער דערגרייכט;
עס האָט דער אָנזאָג אין מיליאָנען מענטשן אויפֿגעלעבט —
און ער, מיטן אָנזאָג באַהויכט,
האָט זיך אין די מיליאָנען פֿאַרוועבט

די געדאַנקען אין געלאַף

ער פּרוּווט זיך אין אַלץ דערמאָנען —
אין יעדן אויפּטו וואָס איז געווען;
ער וויל זיך געניי באַקאָנען
מיט אַלץ וואָס אַרום אים איז געשען.

די דערמאָנונגען ווילן ניט אַנטשלאָפן —
זיי האָבן מיט געלאָף זיך אין געדאַנק געיאָגט,
ער וויל דערגיין וואָס עס האָט געטראָפן —
פאַרוואָס מען האָט אים אין פאַרראַט פאַרקלאָגט.

ווי מיט האַמערס קלאַפן אים אין קאָפ די ווערטער —
פון געדאַנק אַליין ווערט זיין לייב אויפגעברענט;
ווי אַ שטריק אויפן האַלדז, ווערגט אים דאָס געלעכטער,
פון דעם יונג וואָס האָט זיין נאָמען געשענדט.

ווי אַזוי האָט ער צו זיין נאָמען פאַרראַט צוגעקלעפּט?
ווער איז ער דער יונג, וואָס וויל ער האָבן?
ער פילט ווי מען וואָלט איבער גאַסן געשלעפּט
זיין טויטן גוף, אין זומפּן צו באַגראָבן.

ער וויל זיך דערמאָנען: וואו ער האָט דעם יונג געזען?
אויף וועלכע ערטער האָט ער אים געטראָפן?
ער דערמאָנט זיך: דאָס איז דאָך דער תליון געווען —
פון וועמעס האַנט ער איז דאָס דעמאָלט אַנטלאָפן.

דער תליון שטייט ווידער גרייט

פאַרגליווערט איז זיין גלוסט צו דער פריי —
ער וואָלט מיט גרייטקייט זיך צום טויט געלאָזט פירן.
זיין גוף איז אָנגעגאָסן ווי מיט בליי.
ער קען פון ווייטיק מיט קיין אבר ניט רירן.

ער טוט נאָך קיינעם איצט ניט בענקען.
ס'איז אויסגעלאָשן די ליבע וואָס האָט אים אָנגעפילט —
די ליבע וואָס ער האָט געטאָן דעם פאָלק שענקען
ליגט אין אים אַ פאַרפייניקטע, פאַרשטילט.

ער וויל פון גאָר ניט איבערטראַכטן —
ס'איז טויט אין אים יעדער געפיל.
פאַר אים האָבן זיך פאַרענדיקט די לעצטע שלאַכטן
וואָס האָבן געדאַרפט פירן צום ציל.

געענדיקט — נאָר דער ציל איז ניט געוואונען —
דער ציל איז געשטאָרבן מיט אַ קרעציקן טויט.
זיין אָרט האָט אויף דאָס ניי פאַרנומען —
דער תליון, וואָס שטייט ביי דער תליה גרייט.

אין דערמאָנונג

ער איז פון אַלץ שוין אינגאַנצן אַ אָנגעזעטער —
אַ טעמפּע רו האָט אין אים זיך באַזעסן.
נאָר די דערמאָנונג ווען מען האָט גערופן אים פאַררעטער
קען ער איצט אין דער רואיקייט ניט פאַרגעסן.

ער קען ניט פאַרגעסן דעם שאַרפן וויי
וואָס האָט ווי מיט אַ צוואַנג אַריס געטאָן זיין קאָפּ.
אין זיינע אויערן ליגט נאָך דער געשריי
וואָס שיידט זיך קיינמאָל פון אים ניט אָפּ.

אַלץ אַרום איז געקומען אַזוי מאָדנע שנעל:
די גרייטקייט, די האָפענונג, די פּאָליציי — דאָס געריכט.
דער אויסרוף חבר וואָס האָט זיך געטראָגן פון יעדן צעל
ווען מען האָט אים אין פרימאָרגן צו דער תליה געפירט.

די פּאָזע פון תליון ווען ער האָט אויף אים געוואַרט
איז נאָך אין זיין זכרון שאַרף איינגעקריצט.
ער זעט נאָך ווי איצט ווי דעם תליונס אויגן אויסגעשטאַרט
האָבן מיט הנאה אויף זיין האַלדז זיך פאַרשפּיצט.

ווי ער האָט אַ לעצטן קוק געגעבן
און פֿאַר זיין גלויבן שטאַרבן איז ער געווען גרייט.
ווי עס האָבן די חברים וואָס זיינען געווען דערנעבן
אים פֿון תליונס שטאַרע אויגן אָפּגעשיידט.

עס טויכט אויף פֿאַר אים יענער אויפֿגעריסענער פרימאָרגן
ווען די חברים האָבן אים צו זיך געבראַכט —
און פֿון פּאָליציייאישע הענט אים פֿאַרבאָרגן
וועלכע האָבן די שטאָט מיט צאָרן באַוואַכט.

טוט דען די שטאָט איצט באַנעמען
אַז מען האָט אים ווידער אין אַ צעל געטאָן פֿאַרשליסן?
ער ווייסט ס'איז שוין ניט געבליבן פֿון וועמען
ער זאָל זיך אַלץ קענען דערוויסן.

אין צעשיידונג מיט דער שפּין

ער איז ווידער איינזאַם און אָפּגעשיידט
פֿון שטאָט, פֿון מענטשן, פֿון פֿריינטלעכן באַריר.
ער ווייסט אַז אַ תליה שטייט ווידער גרייט
און דער זעלבער תליון וואַרט ביי זיין טיר.

ס'איז פֿרעמד דאָס וואָרט חבר איצט פֿאַר אים
ווי פֿרעמד איז דער מענטש וואָס זאָגט עס אַרויס.
ס'איז בלויז אייגן דער אומבאַקאַנטער אַהין,
צו וועמען זיין בענקעניש ציט זיך אויס —

זיין בענקעניש — ניט נאָך דער זון וואָס איז פֿון אים פֿאַרשטעלט.
אפֿילו ניט נאָך זיין לעבן וואָס ווערט זיך באַלד עקן.
ס'איז נאָכן פֿאַרלאָזטן שטיקל פֿעלד —
און נאָך דער זאַפֿטיקער ערד וואָס וועט אים באַדעקן.

עס אַרט אים ניט איצט וואָס ער קען ניט דערקלערן
וואָס ס׳איז אַרום אים געשען.
ער וויל ניט די לעצטע מינוטן פאַרשטערן
מיט טראַכטונגען פון דעם וואָס ס׳איז געווען.

ער וויל ניט די לעצטע מינוטן פאַרשטערן —
ער האָט פון זיין נעכטן זיך איינגאַנצן אָפּגעשמידט,
מיט פאַרשפּיצטער פרייד וואַרט ער צו הערן
ווי עס נענטערט צום צעל דעם תליונס טריט.

דער תליון וועט קומען אים פירן
צו זיין ווייטן, אויסגעבענקטן, אַהין.
עס וועלן זיך פאַר אים ווידער עפענען די טירן
און ער וועט זיך זעגענען מיט דער טויטער שפּין.

א י נ ה אַ ל ט :

א מעשה ווערט דערציילט 5

ערשטע אָפּטיילונג

ביים אָנהויב פון סוף 11
צי זאָל איך גלויבן? 13
צווייפל פרעסט 14
ס'פראַסטיקט אומעט 15
צוריק פון קריג 16
נאַכט און טאָג 18
ס'קען נאָך זיין 20
ס'לאַסטיקט גרויל 22
אין שפּעטער שעה 24
ס'איז אזוי באַשערט 26
דער נס 28
איך קום צוריק 30
מיין טיר איז אָפן 32

צווייטע אָפּטיילונג

וואַן־גאָג 35
וואַן־גאָג איז אַוועק 36
וואַן־גאָג אין זיין צימער 38
וואַן־גאָג שרייבט צו זיין ברודער 40
צווייטער בריוו צו זיין ברודער 42
א בריוו פון סאַנאַטאָריום 44
וואַן־גאָג אין לעצטן געזעגן 45

דריטע אָפּטיילונג

דאָס אָרימע ביסל זון 49
אין פאַרוואונדערונג 50
גאַסט דו ווייטער 52

דער חכם מיין גאַסט 54
דער חכם האָט געזאָגט 56
אַ זקנה שפּינט 58
האַרבסט 60
נאַכט איז טויט 62

פערטע אָפּטיילונג

אין שטילקייט פון נאַכט 65
מיר היטן פרעמדע פעלדער 67
איך בין גרייט 68
די וואָך זאָל ניט ווערן פאַרשטערט 70
אַ פּחד הענגט 72
דער גלח רעדט 74
אימה איבער גאַסן 76
אָפּגעמעקט מיין נאָמען 78
פון וואַנען ? 81
קיינעמס לאַנד 83
פון וואַנדער־וועג 86
מיין זיידע רעדט צו מיר 88
מיין זיידנס רייד 90
מיין זיידנס בטחון 92
די ברכה מיט אונדז 94

פינפטע אָפּטיילונג

דער מאָרגן איז אייביק 97

זעקסטע אָפּטיילונג

באַלאַדע פון זעכצנטן 143

די לידער : „אין פאַרוואונדערונג", „גאַסט דו ווייטער", „האַרבסט" און „נאַכט איז טויט", וואָס זיינען אַריין אין דער אָפּטיילונג „אין פאַרוואונדערונג", זיינען פון מיין בוך „קרומע וועגן", וואָס איז אַרויס אין יאָר 1936.

צייכענונגען : פון נאָטע קאָזלאָווסקי